# חרם דרבינו גרשם

געשריבען דורך : בנימן וועבער

**און דעם בוך וועט איר קענען זעהן א רייכע באשרייבונג ווי אזוי די צווייטע ווייב פון רבינו גרשם האט איהם געוואלט הארגענען און צום סוף איז זי אומגעקומען**

# קאפיטעל 1

דיר געלעהרטער רבינו גרשם איז געבוירן געווארן אין דער שטאט מעטץ וואס האט דאן באלאנגט צו פראנקרייך. נאך אלס קינד האט ער געהאט גרויס חשק צו לערנען תורה און די אידישע וויסענשאפטן און האט זיין גאנצע טעטיגקייט אנגעווענדט צו לערנען און קענען די ספרי הגמרא וגמרא און פוסקים פון די ראשונים וועלכעס האט דעמאלס פארנומען דעם הויפט-ארט ביי אידן.

רבינו גרשם האט זייער פלייסיג געלערנט ווי אויך איז ער געווען פארנימען אין די גאלד-שמידעריי. פלוצלונג האט ער באקומען די טרויעריגע ידיעה אז זיין פאטער איז געשטארבן. גלייך האט זיך רבינו גרשם געאיילט צו פארן צו זיין געבורטס-שטאט צו וויינען אויף זיי פאטער׳ס קבר און אפצונעמען די ירושה. דורך פארענדיג קאנסטאנטינאפאל וואו זיין וועג האט איהם דורכגעפירט האט ער געמוזטווארטן אביסעל צייט ביז ער האט באקומען א שיף וועלכע גייט קיין פראנקרייך. אין דער צייט איז ער געוואר אין די גוטסקייט און שיינקייט און האנדעל און רייכקייט פון דער רעזידענץ-שטאט און האט באשלאסן דארט זיך צו באזעצן און וואוינען. ער האט באטראכט אז דארטן וועט ער קענען פירן זיין געשעפט און ערוועבן זיך א נאמען; דארטן וועט ער געפינען באוואוסטע געלעהרטע ווי צום ביישפיל חכמי התורה און ווי אויך אין וויסענשאפטן מיט וועלכע ער וועט זיך באפריינדען און וועט ביי זיי קענען ערווערבן נאך וויסענשאפט צו וועלכע ער האט זייער שטארק געגלוסט. רבינו גרשם איז געקומען קיין מעטץ און פארקויפט די אונבאוועגליכע גיטער וועלכע ער האט באקומען אין ירושה און דערנאך איז ער געפארן קיין מיינץ וואו עס האבן איהם ערווארטעט רבי ליאון מיט זיין טאכטער רבינו גרשם׳ס ווייב דבורה מיט שרעק האט רבי ליאון אויסגעהערט דעם פארלאנג פון זיין איידעם רבינו גרשם אז ער וויל אוועק פארן וואוינען אין קאנסטאנטינאפאל עס האט איהם זייער באנג געטוהן אוועקצולאזן זיין ליבע טאכטער און איידעם אזוי ווייט פון זיך נאר רבינו גרשם האט זיך איינגע׳עקשנט און האט זיך פעסט געהאלטן ביי זייניגע אויך זיין ווייב דבורה האט מסכים געווען צו איר מאנ׳ס פארלאנג אזוי האט רבי ליאון געמוזט אויך געבן זיין הסכמה. דאן האבן זיך רבינו גרשם מיט זיין ווייב דבורה געזעגענט מיט זייער שווער און פאטער רבי ליאון וועלכער איז געווען זייער באטריבט איינער דעם אנדערן האבען זיך צוגעוואונטשןביידע האבן געוויינט און רבינו גרשם מיט זיין ווייב זענען געפארן קיין קאנסטאנטינאפאל.

אויך אין די איצטיגע צייטן איז רייזעהן געוועזן פון די שווערע זאכן און אזא וויטע שטרעקע ווי פון מיינץ קיין קאנסטאנטינאפאל מאכט שוואך דעם רייזענדען וואס פארט, קען מען זיך פארשטעלן וואס פאר א צרות עס איז פארגעקומען אין יענע צייטן פאר די רייזענדער. קיין אייזן-באהנען זענען נאך נישט געוועזן פון קיין דאמפף-שיפן האט מען נאך נישט געהערט אויך די שאסעען זענען נישט געוועזן געברוקירט מיט שטיינער ווי היינט און דער רייזענדער האט אין יענע צייטן געמוזט דורכפארן לענדער און דערפער וואו עס האבן געוואוינט אונקולטיווירטע ווילדע מענטשן און ווען זיי האבן דערזעהן א פרעמדן זענען זיי איהם באפאלן ווי ווילדע חיות פיל מאל ווען דער רייזענדער האט געמוזט פארן דורך גרויסע און שרעקליכע וועלדער און אז ער איז געקומען צו א טייך וועלכער האט איהם פארשטעלט דעם וועג ווייטער צו פארן האט ער נישט געפונען קיין שיפל ער זאל קענען אריבער דעם טייך; גנבים און רויבער-באנדעס פלעגן לויערן אויף די וועגן צוצונעמען ביי די רייזענדע זייער פארמעגן און גוטס וואס זיי האבן ביי זיך געהאט און פיל מאל פלעגן זיי טויטן די וואס האבן זיך געשטעלט אקעגן זיי און נאך פיל צרות זענען דעמאלס געוועזן אויף די וועגן וועלכע האבן גוט איינגעמאטערט די רייזענדע.

נאך דעם ווי רבינו גרשם מיט זיין ווייב האבן זיך גענוג געהאט אנגעליטן אויפ׳ן וועג זענען זיי ענדליך אנגעקומען קיין קאנסטאנטינאפאל וואו זיי האבן זיך באזעצט און וואו רבינו גרשם האט אויפגעעפענט זיין פאבריק פון גאלד און זילבערווארג. דא האט רבינו גרשם אנגעהויבן צו מאכען קונסט-זאכן ווי צום ביישפיל זילבערנע בעכערס מיט שיינע אויסגראווירטע עמאליעס און פארציערונגען גאלדענע רינגען מיט קייטן מייסטער-ווערק שיין אויסגעארבייט און אזוי האט רבינו גרשם דורך די טאג געטוהן זיין ארבייט און ביי נאכט איז ער געזעסן און פלייסיג געלערנט כדי זיך צו פארפאלקאמענען אין די אידישע לעהרע.

באלד איז ער בארימט געווארן אין דער גאנצער שטאט צווישן אידן און קריסטן אונטערן נאמען "דער פראנצויז". זיין געשעפט האט מיט יעדן טאג אלץ לייכטער אויפגעבליט און זיינע קונדען זענען געווארן די גרעסטע אריסטאקראטן פון דער רעזידענץ און פון דער מדינה. אפילו די מיטגלידער פון קעניגליכן הויף האבן ביי איהם געקויפט גאלדענע און זילבערנע קונסטזאכן.

פון טאג צו טאג איז ער געווארן רייכער און בארימטער. דער "פראנצויז" רבינו גרשם איז געווארן איינער פון די וויכטיגסטע פערזאנען אין דער רעזידענץ געשעצט און געליבט פון אלע קלאסן סיי ביי אידן און סיי ביי קריסטן.

און דאך איז זיין גליקס-בעכער מיט א ביטערן טראפן פארגאלט געוועזן. עס זענען שוין פארגאנגען עטליכע יאר נאך זיין חתונה און ער האט נאך קיין איינציגעס קינד געהאט. דער געדאנק צו פארברענגען זייער לעבן אן קינדער האט איהם און זיין ווייב געטאטצעט ווי א גיפטיגער ווארעם און האט זייערע לעבנס-פריידן פארדונקעלט.

# קאפיטל 2

דבורה האט אנגעהויבן צו באמערקן און צו פילן אז איר מאן רבינו גרשם ווערט פון טאג צו טאג טרויעריגער און טרויריגער און דאס האט איר נאך מער איר לעבן פארביטערט וויסענדיג די אורזאכע פון זיין טרויער און זי האט איהם נישט געקענט טרייסטן. עס זענען שוין פארגאנגענע צען יאר פון דעם טאג פון זיי האבען חתונה געהאט און גאט האט זיי נאך נישט געבענטשט מיט א קינד.

- פאר וועמען ארבייטן מיר פאר וועמען הארעווען מיר? - פלעגט ער זייער אפט זאגן פאר זיך אליין און עס האט זיך איר אויסגעדאכט אזוי ווי ער מאכט איר מיט דעם א פארוואורף אזוי ווי ער וואלט איר אין דעם באשולדיגען.

גאנץ אפט פלעגט ער זאגן:

- גאט האט מיר געגעבן עשירות א פיינעם נאמען סיי ביי אידן און סיי ביי קריסטן. איך בין חשוב און געערט אין דעם קעניגליכן הויף אבער ווער וועט דאס אלעס ירש׳נען? מיט מיין טויט וועט דאס אלעס זיין געענדיגט עס וועט מיר קיין זכר נישט בלייבן!

דאס אלעס האט איר ווי מיט א שארפן מעסער געשניטן אין הארצן זי האט זיך פאר זיך אליין געשעמט ווי זי וואלט דורכגעגאנגען א שווערע פאברעכן

איינמאל אין א געוויסן אווענד נאך דעם ווי רבינו גרשם האט פארשלאסן זיין מאגאזין און האט אפגעדאווענט מעריב אין שול איז ער אהיים געקומען און האט זיך געזעצט לערנען אין זיין באזונדערן חדר. ער פלעגט דאס שטענדיג טוהן ווען די טרויעריגע-געדאנקען פלעגן איהם שטארק דריקן צוליב דעם וואס זיינע ספרים פלעגן איהם אויף א געוויסע צייט מאכן פארגעסן דעם ברענענדען שמערץ וואס האט געברענט אין איהם ווי א העלישער פייער.

היינט אבער האבן איהם די טרויעריגע געדאנקען מיט דאפעלטער קראפט ארומגענומען און האבן איהם נישט צוגעלאזט זיך צו פארטיפן אין דעם ספר וואס איז געליגען פאר איהם אויפן טיש ער האט צוגעמאכט דעם ספר און האסטיג אויפגעשטאטען פון זיין שטוהל האט ער אויסגערופן:

- גאט מיין גאט! ווי גרויס איז מיין פיין און ווי טיף זענען מיינע שמערצן דו האסט מיר דיינע רייכסטע אוצרות געעפענט אין מיינע געשעפטן האסט דו דיין ברכה אריינגעשיקט. דו האסט מיין הויז אנגעפילט מיט גאלד און מיט זילבער. אלעס וואס עס קען א מענטש גליקליך מאכן אונטער דיין הימל האסט דו מיר געגעבן. וואס נאך פעלט מיר און וואס נאך קען איך פון דיר פארלאנגען? אבער צו וואס טויג מיר די גאנצע

פארמעגן ווען דו האסט מיר א קינד נישט געגעבן וואס זאל מיר טרייסטן אין מיין טרויער און וואס זאל נאך מיין טויט ירש'נען מיין נאמען? אליין בין איך גאנץ אליין? אלע מענטשן וואס לעבן אויף דער וועלט זענען ווי רינגען פון א לאנגע קייט איינער איז פארבונדען מיט דעם אנדערן איינער איז אבהענגיג פון דעם צווייטן איך אבער בין א באזונדערער רינג פאר זיך אליין און מיט די אנדערע קען איך מיך נישט פאראייניגן איך מוז דען בלייבן ווי א טרוקענער שטרוי אדער ווי אנ-אפגעשטארבענער בוים וואס קען שוין מער קיין פרוכט פון זיך נישט געבן? לעבט דען אין מיר נישט דער גייסט פון מיינע הייליגע עלטערן פארוואס זאל מיין גייסט נישט איבערגיין אין מיינעם א קינד אין וועלכן איך זאל נאכאמאל ווידער געבוירן ווערן? פארוואס שטראפסט דו מיך אזוי שטארק. דו גוטער גאט? היט איך דען נישט דיינע הייליגע געזעטצע און דינים? בין איך דען אין אמת'ן נישט ווערט דיין בעסטע ברכה צו באקומען יענע ברכה מיט וועלכער דו בענטשסט אפילו חיות און בהמות?
א שטראם הייסע טרערן האט זיך ארויסגעגאסן פון זיינע אויגן ער האט זיך ווידער געזעצט אויף זיין פריערדיגן פלאץ און איז ווידער פארזונקען געווארן אין זיינע טרויעריגע מחשבות גלויבינדיג אז קיינער הערט נישט צי צו זיינע ווערטער אבער ער האט געהאט א גרויסע טעות. יענע מאמענט האט זיך זיין ווייב דבורה גוט צוגעהערט צו יעדן ווארט וואס ער האט ארויסגעזאגט פון זיין מויל. און דאס האט איר אויפגעמונטערט זיך ענדליך צו אנטשליסן צו דעם פארבארגענעם פלאן וועלכן זי האט שוין א לאנגע צייט אין זיך ארומגעטראגן.
האסטיג האט זי אויפגעעפענט די טיר פון זיין לערנצימער איז צו איהם צוגעגאנגען און האט איהם צו איהם געזאגט:
- מיין געליבטער מאן! עס טוט מיר זייער ווייט אין הארצן צו זעהן ווי דו טוסט ארום גיין איינגעבויגן אונטער דער לאסט פון דיין טרויער. אבער לאמיר דאך נישט פארצווייפלען מיין געטרייע מאן! לאמיר זוכן מיטלען ווי זיך צו העלפן. מיר קענען טוהן דאס זעלביגע וואס אונזערע הייליגע אבות און אמהות האבן געטוהן איך וועל דיר אריינברענגען אין דיין הויז א צווייטע פרוי מיט וועלכער דו קענסט חתונה האבן כדת משה וישראל"
(מען דארף נישט פארגעסן אז ביז דער צייט פון רבינו גרשם האט מען ביי אונז אידן געמעגט נעמען עטליכע ווייבער.)
עס קען זיין אז די צווייטע פרוי וועט האבן קינדער האבן וואס וועלן דיין נאמען ירש'נען און איך וועל אויך דורך דעם געהאלפן ווערן ווי אונזערע אמהות זענען געהאלפען געווארען.
- דו הייסט עס מיר טוהן מיין געטרייע דבורה? - האט ער אויסגערופן מיט גרויס פארוואונדערונג - אה איך ווייס וואס פאר א הייליגע נשמה עס זיצט אין דיין קערפער! איך ווייס אז אין דיינע אדערן פליסט דאס הייליגע בלוט פון אונזערע אמהות אבער זאל מיך גאט באהיטן און בעשירמען דאס צו טוהן! אזא קרבן וויל איך פון דיר נישט אננעמען. ניין איך וויל עס נישט פון דיינעטוועגן! ווייסט דו דען נישט וואס הגר די דינסט האט געטוהן שרה'ן נאכדעם ווי זי איז געווארן אברהם אבינו'ס ווייב?
- האב קיין מורא נישט מיין געטרייער מאן! - האט זי איהם געענטפערט - אויב איך וויל דיר דעם קרבן מקריב זיין וויל איך ער זאל זיין א גאנצער קרבן: א קרבן וואס זאל אונז ביידען צופרידן שטעלן. איך וועל אויף דיין צווייטער פרוי נישט בייז זיין און איך וועל איר אויך נישט מקנא זיין מיין איינציגער וואונטש איז נאר דיר גליקליך און צופרידן צו שטעלן. איך וועל דיר בלייבן די זעלביגע וואס איך בין דיר ביז יעצט געוועזן. מיין איינציגער וואונטש איז נאר אז דו זאלסט שוין מער נישט וויסן פון קיין צער און פון קיין שלעכטס!
- דו רעדסט מיין טייערע ווי א צדיקת דארף רעדן - האט ער זיך אנגערופן אבער ניין! איך וועל דיין קרבן נישט אננעמען! לאמיר נאך ווארטן און לאמיר נאך בעטן צום באשעפער אשפר דאך וועט ער אויף אונז רחמנות האבן.
עס האבן אבער נישט געהאלפן קיין תפלות און קיינע הייסע טרערן וואס ביידע האבן פארגאסען. עס איז פארגאנגען א יאר נאך א יאר וואס אין די צייט האט זיך רבינו גרשם'ס רייכטום פארבייטעט אבער די ברכה פון קינדער האט זיי נאך אלץ געפעלט.
אין יענער צייט האט אין קאנסטאנטינאפאל געלעבט א סוחר מיט דעם נאמען מנחם. מנחם איז געווען א פרומער און ערליכער איד ער האט גוט געקענט לערנען ווי אויך איז ער געשטאנען אין געשעפטליכער פארבינדונג מיט רבי גרשם. ער פלעגט ביי רבינו גרשם קויפן פארשידענע כלים פון גאלד און זילבער און פלעגט זיי ווייטער פארקויפן פארדינענדיג דערביי א שיינעם געהאלט
זיין ווייב איז געשטארבן זייער יונג איבערלאזענדיג איין איינציגע טאכטער מיט דעם נאמען מעליטא וואס אזא קלוגע מיידעל האט זיך נישט געפונען אין גאנץ קאנסטאנטינאפאל. זי איז געווען די איינציגע פרייד און דער איינציגער טרייסט פון איר פאטער וועלכער האט איר זייער ליב געהאט. א ריכטיגע פיינע ערציאונג האט ער איר נישט געקענט געבן צוליב דעם וואס קיין צייט האט ער נישט פארמאגט דעריבער האט ער איר אלעס נאכגעגעבן וואס זי האט נאר פארלאנגט און וואס איר הארץ האט געגלוסט. מעליטא האט נאר איין זאך געוואוסט: אז זי איז א זעלטענע גלונגנע מיידעל און איז אויף איר קליגשאפט זייער שטאלץ געווען ווי אלע קליגע פרויען וואס האבן נישט באקומען קיין געהעריגע ערציאונג. איר איינציגער געדאנקען און איר איינציגער ציל אין לעבן איז געווען איר קלוגשאפט נאך מער צו אנטוויקלען.
איינמאל ווען מעליטא איז געזעסן ביי דעם אפענעם פענסטער פון איר פאטער'ס הויז איז איינער פון די קעניגליכע גארדיסטן דורך געריטען אויף א טייערן אראבישן פערד. דער יונגער גארדיסט איז באקאנט געווען אונטער דעם נאמען מיחאיל פון פאפלאגאניען און איז געווען א נעפיא פון יאהאן וואס איז געוועזן דעם קעניג באזיל'ס ערשטער מיניסטער און ראטגעבער.
זיין בליק איז געפאלן אויף מעליטא - דו געטטין! - האט ער ווי באגייסטערט אויסגערופן — איך וויל דיר מאכען פאר א מיניסטער
אזעלכע ווערטער האט מעליטא נאך קיינמאל נישט געהערט. זי איז פון איהם שטארק דערשראקן געווארען און איז אנטלאפן אין גארטן וואס איז געלעגן הינטערן הויז.
דער גארדיסט מיחאיל איז אבער געווען א העלד און איז האסטיג פון פערד אראפגעשפרונגען ער האט אריבערגעקלייטערט דעם מויער וואס האט ארומגערינגעלט דעם גארטן פון אלע זייטן און איז מיט דער פרעכהייט פון א מיליטאריסט צו מעליטאן צוגעגאנגען.
ער האט איר שטארק אנגעכאפט און געטוהן פרעגן
- ווי הייסט דו
- מעליטא - האט זי איהם ציטערנדיג געענטפערט.
- און ווער איז דיין פאטער?
- מנחם דער גאלדהענדלער.
- מנחם? א איד? דאס טוט מיר זייער לייד! אבער דאס וועט מיך נישט אפהאלטן דיר צו מאכען פאר א מיניסטער איך וועל דיך צונעמען פון דיין פאטערס הויז און איך וועל דיר אריינזעצן אין א גאלדענעם פאלאץ ווי עס פאסט פאר אזא קלוגע מיידל ווי דו ביסט איך בין מיחאיל פון פאפלאגאניען און מיין פעטער איז דער העכסטער מיניסטער יאהאן וואס איז דאס קעניג באזיל'ס ערשטער מיניסטער און ראטגעבער. נאך היינט וועל איך מיט איהם וועגן דיר רעדן און וועל איהם ערקלערן אז נאר דיר וויל איך מאכען פאר א מיניסטער. מיין פעטער האט מיר זייער ליב און וועט מיר מיין פארלאנג נישט אפזאגען און נאטירליך וועסט דו מוזן דיין גלויבן איבערבייטן!
מעליטאס הארץ האט שטארק געציטערט הערנדיג אז מען וויל איר מאכען פאר א מיניסטער. — פון די אנדרע זייט האט זי ביי זיך געטראכט - ווער וועט נאך זיין אזוי גליקליך ווי מיר איך וועל דאך זיין א מיניסטער! דער קעניגליכער פאלאץ וועט פאר מיר שטיין אפען ווי מיין פאטער'ס

הויז צו יעדן פארזאמעלונג און צו יעדן צוזאמקום וועט מען מיך איינלאדען איך וועל זיצען מיט די גרעסטע שררות און אנגעטוהן וועל איך זיין אין גאלד און אין זייד ווי א פרינצעסין דאס אלעס איז איר געגאנגען דורך איר קאפ.

אבער ווי נאר מיחאיל האט עקלערט פאר זיין פעטער וואס זיין פלענער זענען האט ער מיט א ווילדקייט צוריק גענטפערט - ביזט דו משוגע דו נארישער יונג האב איך דיך נאר צוליב דעם אראפגעבראכט פון פאפלאגאניען און גרויס געמאכט אז דו זאלסט מיר פארשווארצן די אויגן? דו ווילסט מאכען פאר א מיניסטער א אידישע מיידל און דערמיט ווארפן א שווארצן פלעק אויף אונזער קעניגרייך? אבער איך זאג דיר איין מאל פאר אלע מאל: אויב וועסט דיר צו מיר רעדו נאך איינמאל וועגן אזא ענין וועט איך מאכען פון דיר א שלעכטע סוף איך וועל דיר ארויסטרייבן פון מיין הויז און דו וועסט ווערן א גרויסע גארנישט

מיחאיל האט שוויגנדיג אויסגעהערט די שריי ווערטער פון זיין פעטער. ער האט נישט געהאט וואס צו ענטפערן וויסענדיג דעם אייזערנעם ווילן פון זיין פעטער וועלכע קיין שום מאכט אין דער וועלט איז נישט אומשטאנד צו ברעכן.

דער מיניסטער אבער האט באלד געטוישט זיין טאן און האט אנגעהויבן מיט איהם פריינדליך צו רעדן. ער האט איהם אין די שענסטע פארבן אויסגעמאלט זיין גאלדענע צוקונפט ווען ער מאכען פאר א מיניסטער א גויטע

מעלייטא האט אבער מיט אן אומגדילדיקייט געווארט אז מיחאיל זאל צוריק קומען צו איר אהיים און איר מאכען פאר א מיניסטער ווילענדיג ווערן די מיניסטער פונעם אזא גרויסן באאמטן. עס זענען אבער פארגאנגען טעג און וואכן און ער איז נישט צוריק געקומען דאן האט זי שוין פארשטאנען אז דאס איז בלויז געווען א קורצער און פוסטער חלום און האט אויפגעהערט צו האפן. אין א קורצע צייט האט זי איהם שוין אין גאנצן געטוהן פארגעסן

אין די זעלבע צייט האט זיך די פרומע דבורה רבינו גרשם׳ס ווייב מיט אלע אירע  כחות צוגרעדט איר מאן צו נעמען א צווייטע ווייב און צולעצט האט ער טאקע מסכים געווען נאך לאנגע זוכן איז זיין בליק געפאלן אויף מעליטא גלויבענדיג אז מיט איר וועט ער קענען לעבען רואיג און פרידליך. מען האט פראגעשלאגען דעם גאלדהענדלער מנחם צו נעמען רבינו גרשם פאר אן איידעם און דער גאלדהענדלער מנחם האט זיך צו דעם מיטביידע הענט צוגעכאפט. באטראכטונג דאס פאר א גליק פאר זיין טאכטער און פאר א גרויסן כבוד פאר זיך. אין א קורצע צייט נאכדעם האט רבינו גרשם חתונה געהאט מיט מעליטטא כדת משה וישראל.

רבינו גרשם האט זיין צווייטע פרוי אלעס געטוהן נאכגעגעבן געטוי ווי זיין ערשטע וואס איר הארץ האט געטוהן פארלאנגען עס האט אבער נישט לאנג געדויערט און דבורה האט איינגעזעהן וואס מעליטא איז. איינזעהנדיג וואס פאר א ביטערן טעות זי האט געהאט מיטן צורעדן איר מאן נאך אמאל חתונה צוהאבען זי האט דערקענט אין איר אלס א נידעריגע פרוי אן קיין שום מאראל און דרך ארץ און אן קיין שום געפיל צו אידישקייט.

## קאפיטל 3

דער מיניסטער יאהאן דעם קעניג באזיל׳ס ערשטער מיניסטער און ראטגעבער. איז צו דעם אלעם נאך פון זיין יוגנט אן געווען א גרויסער שונא ישראל און בלויז געזוכט שאדן צו מאכן די ארעמע אידן ביי יעדער געלעגנהייט.

די אורזאכע פון זיין שנאה צו אידן שטאמט פונעם פאלגענדיגען עפיזאד:

א צייט פריער איידער ער איז נאך געווען אזא וויכטיגער באאמטער איז ער אמאל געזעסן מיט א גרויסע געזעלשאפט פון זיינע פריינד און באקאנטע אין א שענק און האט געטרונקען מיט זיי וויין. די טיר האט זיך געעפנט און איין ארעמער אידישער פעדלער איז אריינגעקומען מיט זיין קעסטל סחורה און האט יעדן איינעם פון די געסט צו קויפען אביסעל פון זיינע סחורה. יאהאן האט א קוק געטוהן אויף דעם ארעמען און אידישער פעדלער און האט געשפעט פון איהם און באליידיגט

- קום אהער יודע! - האט ער אויסגערופן.

דער ארעמער פעדלער האט זיך זייער געפרייט דערצו גלויבענדיג אז דא וועט ער מאכן א פיינעם לייזונג איז דער ארעמער פעדלער צו איהם צוגעגאנגען און האט דאס קעסטל סחורה אוועקגעשטעלט פאר זיינע פיס.

- קענסט צוריק נעמען דיינע סחורה! - האט יאהאן ווידער אויסגערופן. - איך וועל נישט קויפן ביי אייך. איך האב דיר נאר צוגערופן דיר צו געבן א לעקציע דער מענטש וואס זיצט אויף א טראהן און רייט אויף א טייערן פערד איז א קעניג. דער מענטש וואס פארט אין א פיינעם עקיפאזש איז אן אריסטאקראט; דער וואס גייט צו פוס אנגעטוהן אין שיך איז א מענטש אבער וואס איז יענער וואס גייט אום בארוועס? דו ווייסט עס נישט און איך וועל עס דיר זאגן יענער איז א שמוציגער יודע!

דעם ארעמען פעדלער איז רויט געווארען פאר בושה עס האט איהם זייער וויי געטוהן פאר אזא באליידיגונג ער האט זיך אבער געהערשט און האט גאנץ רואיג געענטפערט:

- איך דאנק דיר זייער מיין הער פאר דער לעקציע וואס דו האסט מיר געגעבן אבער אומזיסט וויל איך זי נישט אננעמען איך וויל דיר צוריק צאלען מיט א לעקציען געדענק מיין הער אז א מענטש דארף האבן דריי זאכן צו זיין א מענטש: א בארד א ווייב און קינדער. א בארד מאכט איהם האבען א מענטשליכע צורה א ווייב דורך צושמיסען אלע זיינע פלענער און קינדער זענען זיין צוקונפט. היינט זאג מיר מיין געטרייע הער ביזט דו דען א מענטש ווען עס פעלן דיר די אלע דריי זאכן? (דער מיניסטער יאהאן האט נישט געהאט די אלע דריי זאכן)

אלע וואס זענען געזעסן אין שענק האבן אויסגעשאסן אין א גרויס געלעכטער. דער ארעמער פעדלער האט אבער צוזאם גענומען זיין קעסטל סחורה און איז נעלם געווארן.

יאהאן האט געוואלט דעם פעדלער נאכלויפן און איהם שלאגן ער האט אבער באלד איינגעזעהן אז עס איז פאר איהם נישט קיין גרויסער כבוד צו שלאגן איין ארעמע פעדלער אויף דער גאס און האט זיך געשוואוירן נוקם צו זיין אין אלע אידן.

דער וויץ פונעם ארעמע פעדלער האט אנגעהויבן צו קורסירן אין גאנץ קאנסטאנטינאפאל אלע יאהאן׳ס שונאים האבן דערהערט דעם באליידיגטן וויץ וואס דער ארעמער פעדלער האט אמאל געזאגט און פון וועלכן דער יעצטיגער מיניסטער האט געהאט א שטארקע באליידונגען האבן זיי זיך שטארק געפרייט פון דעם און האבן זיך אויסגעלערנט נאך אזעלכע וויצן צו באליידיגן דעם מיניסטער. איינמאל איז ער צוזאמען-געקומען מיט זיינע פיינד האט זיך אנגערופן איינער פון זיי: "וואס איז די שיינהייט פון א מענטש?" - "זיין בארד" האט דער צווייטער געענטפערט. - "מיט וועם טוט זיך א מענטש דורך שמיסען זיינע פלענער?" - האט געפרעגט א דריטער - "זיין פרוי" האט א אנדערער געענטפערט. - "וואס איז דער פרייד פון א מענטש?" האט ווייטער געפרעגט איינער. - "זיינע קינדער" האט ווידער איינער פון די פארזאמעלטע זיך אנגערופען. - "געלויבט איז גאט" האבן זיך אלע מיט איין קול אבגערופן "וואס אונזער מיניסטער האט אלע דריי זאכן נישט".

יעדעס מאל ווען ער פלעגט דערהערן די באליידיגענדע וויצן האט ער געקריצט מיט די ציינער געטופעט מיט די פיס און געשוואוירן נוקם זיין זיך אין אלע אידן.

א לאנגע צייט האט ער אבער נישט געהאט קיין געלעגנהייט דערצו זייענדיג א קליינער אומארויפגעקוקטער באאמטער. שפעטער אבער ווען ער האט זיך דורך פארשידענע אינטריגען אריינגעגדרייט ביי דעם קעניג באזיל און איז געווארן די ערשטער מיניסטער האט ער ביי זיך געטראכט:
יעצט איז געקומען די צייט נקמה צו נעמען און אלע יודען

ער האט אנגעווענדעט אלע מיטלען אויסצופירן זיין פינסטערן פלאן אבער ער האט צו זיין גרויסן באדויער גארנישט געקענט טוהן. דער קעניג באזיל האט ליב געהאט גערעכטיגקייט און האט אלע זיינע אונטערטאנען סיי די קריסטן און סיי די אידן באשיצט.

זיין וואונטש איז אבער באלד ערפילט געווארן דורך איין אומגליקליכע צופאל.

אין א פינסטערע נאכט ווען גאנץ קאנסטאנטינאפאל איז פארזונקען געוועזן אין א טיפן שלאף האט ערגיץ-וואו אין די שטאט אויסגעבראכן א פייער און באלד האבן די ווילדע פלאמען ארומגענומען די גאנצע שטאט.

צו יענער צייט האט מען פון קיין פייערלעשער ווי היינט נאך נישט געוואוסט און די צושראקענע איינוואוינער זענען פון שרעק געווארן פאראליזירט זיי האבן נישט געוואוסט וואס אנצופאנגען. הונדערטער הייזער זענען אין א קורצער צייט פארברענט געווארן אויף אש און וואס דער פייער האט שוין יא איבער געלאזט דאס האבן די גנבים צוגענומען און דער שאדן איז געווען זייער גרויס.

די הויז פון רבי גרשום איז געווען איינע פון די ערשטע וואס האט זיך אנגעצונדן. ער האט אבער געהאט גענוג צייט צו ראטעווען זיך און זיינע פרויען.

ווי שטענדיג איז ער אויך היינט געזעסן און האט פלייסיג געלערנט און האט קוים דערזעהן די שרפה ער האט אויפגעוועקט זיינע צוויי פרויען. מיט זייער הילף האט ער צוזאמענגעפאקט זיינע חפצים און זיינע כתבים און איז מיט זיי אנטלאפן צו א גוטן פריינד זיינעם וואס האט געוואוינט אין א גאס וואו דער פייער האט נאך נישט געברענט.

ער האט דארטן איבערגעלאזט זיינע פרויען און איז געלאפן ראטעווען זיין שוועער ר׳ מנחם. ווי גרויס איז אבער זיין שרעק געוועזן ווען ער איז אהין געקומען: ער האט געפונען די טיר פון זיין שוועער׳ס הויז אויסגעבראכן און דער אלטער ר׳ מנחם שוין נישט פון צווישען די לעבעדיגע ל״ע. די גנבים זעהנדיג די איבערקערניש וואס עס געפונט זיך אין שטאט האבן אויסגענוצט די גלעגענהייט און אריינגעבראכן אין זיין הויז ערמארדעט ר׳ מנחם און בארויבט זיין הויז

רבינו גרשם האט שטארק מורא געהאט צו זאגן פאר זיין יונגע ווייב מעליטטא די בייזע בשורה פון איר פאטער׳ס טויט. צום סוף האט ער עס איר ענדליך אויסגעזאגט זי איז אבער גאנץ רואיג און גלייכגילטיג געבליבן.

אין זיין פארבלענדונג האט ער געגלויבט אז מעליטטא ווי אלע פרומע און גאטספארכטיגע פרויען נעמט עס אן ווי א שטראף פון גאט אויף וועלכן מען טאר זיך נישט אפרעדן און האט זיך מיט דעם זייער געפרייט.

דבורה אבער האט אנדערש געזעהן. זי האט געזעהן אז מעליטטא באדויערט מער דעם פארלוסט פון איר פאטערס פארמעגן זי האט אבער נישט געזאגט קיין ווארט און האט געשוויגן נישט וועלנדיג מצער זיין איר מאן.

צו דעם אומגליק פון דער שריפה האט באלד נאכדעם אויסגעבראכען אין שטאט אן עפידעמיע פון וועלכען עס זיינען געפאלען פיל טויטע עס עיז געווען זייער א אנשטעקיגע קרענק און עס איז געווען א גרויס געפאר אפילו זיך צו דענענטערן צו די קראנקע

איבער דרייסיג טויזענט מענטשן האבן זיך געוואלגערט אין די פארברענטע און שמוציגע גאסן פון שטאט און אונטער זיי האט די מגפה געהערשט אן קיין רחמנות.

רבי גרשם וואס האט דורך דער שריפה פארלוירן א גרויסן טייל פון זיין פארמעגן האט שוין גענומען מאכן הכנות ווידער אויפצוריכטן זיין פאבריק און זיין געשעפט. ער האט אבער קיין צייט דערצו נישט געהאט. זייענדיג א געלערנטע און  א וויסענטשאפע אין מעדעצין איז ער אריבער פון איין שטוב צו די אנדרע און באהאנדעלט די קראנקע און ווירקליך זענען פיל קראנקע אויסגעהיילט געווארען אדאנק די געטרייע האנדלונג פון רבינו גרשם.

טאג און נאכט פלעגט ער ארומגיין ארום די פעסט-קראנקע האט פאר זיי פאבריצירט פארשידענע רפואות און האט זייער פיל קראנקע ארויסגעראטעוועט פון זיכערן טויט.

עס האט נישט לאנג געדויערט און רבינו גרשם האט באקומען א נאמען אלס דעם בעסטן דאקטאר אין גאנץ קאנסטאנטינאפאל. הונדערטע מענטשן זענען צו איהם געקומען פון פארשידענע קראנקהייטן ביי איהם זיך צו קורירן און ער האט זיי אלעמען באהאנדלט מיט גרויס קונסט.

דער מיניסטער יאהאן האט דערווייל נישט אויפגעהערט צו זוכן פלענער ווי אזוי זיך נוקם צו זיין אן די אידן און איז ענדליך געקומען אויף דעם איינפאל צו באשולדיגן די אידן אינעם גרויסן שרפה.

ער האט דורך א פאר פון זיינע געטרייע באנדיטן באקאנט געמאכט אז די שריפה האט זיך אנגעפאנגען אין א אידישער הויז און זאפארט אריבער געגאנגען צום קעניג באזיל און געזאגט אז די אידען האבען אינטרגעצינדען א הויז און געזארגט אז די פייער זאל זיך פארשפרייטען אין די אנדרע הייזער און דערנאך האבן זיי אנגבראכט אויף די שטאט א שרעקליכע עפידמיע .

א לאנגע צייט האט דער קעניג באזיל דערפון נישט געוואלט הערן ביז עס איז געלונגען דעם באנדיט יאהאן איבערצורעדן די גלחים פון די קירכן.

די גלחים זענען געקומען צום קעניג און האבן איהם ערקלערט אז אויב ער וועט נאך ווייטער די אידן האלטן אונטער זיין שוץ און וועט זיי נישט באשטראפן ווי זיי פארדינען עס, וועט געוויס אויסברעכן א שרעקליכע רעוואלוציאן אין גאנצן לאנד און דאן איז ער נישט פארזיכערט אין זיין טהראן.

דאס האט שוין געווירקט אויפן קעניג. ער האט ארויסגעגעבן א באפעל אז אין דריי חדשים צייט מוזן אלע אידן פארלאזן דאס לאנד. עס טאר נישט בלייבן קיין איד. דער איד וואס וועט בלייבן אין לאנד נאך דעם טערמין וועט פאראורטיילט ווערן צום טויט. עס קענען נאר בלייבן די אידן וואס וועלן אננעמען דעם קריסטליכן גלויבן.

עס איז שוער צו שילדערן דעם שרעק און יאמער פון די אומגליקליכע אידן באקומענדיג אזא באפעל. ווי איז דען מעגליך פאר טויזענטע משפחות צו פארלאזן א לאנד אין אזא קורצע צייט א לאנד וואו זיי האבן א גאנצע צייט געלעבט! עס איז זיי אפילו ערלויבט געווען מיטצונעמען זייער פארמעגן אבער זייער פארמעגן איז על פי רוב באשטאנען פין הייזער און פין פעלדער און וואס פאר א פרייז קענען זיי דען באקומען פון די קריסטן ווען זיי ווייסן אז אין דריי חדשים מוזן זיי עס איבערלאזן און אויסוואנדערן. אויסער דעם בלייבט נאך די פראגע: וואו זאל מען גיין? וואו זאלן מיר זיך ווענדן? וועלכע לאנד וועט אונז וועלן אויפנעמען?

די אומגליקליכע אידן האבן נאר איין מיטל געקענט טוהן: בעטעהן פון גאט די באשעפער האט זיי שוין אין אלע צרות געהאלפן געלויבענדיג אז אויך יעצט וועט זיי דער רבונו של עולם ארונטערשיקן די ישועה פון הימל.

אלע אידן זיינען זיך צוזאמענגעקומען אין די שוהלן און אויסגעגאסען זייער ביטער הארץ פארן אויבערשטן ער זאל זיי ראטעווען פון די שלעכטע גזירה וואס זייערע פיינד האבען אויף זיי ארויסגעגעבן פיהל תפילות זיינען פארגאסען געווארען אין די תפילות פין די אידען האבען געשפאלטען הימעלן און דערגרייכט ביז צו דעם כסא הכבוד.

## קאפיטעל 4

אין דעם קעניגליכן פאלאץ אין קאנסטאנטינאפאל האט געלויכטן א ליכטיגער שטערן. די יונגע פרינצעסין טהעאדארא די אינגסטע טאכטער פונעם קעניג און האט אין גאנץ גריכענלאנד געהייסן: ״דער שטערן פון קאנסטאנטינאפאל״.

א קורצע צייט נאכדעם ווי דער קעניג באזיל האט ארויסגעגעבן דעם באפעל אז אלע אידן פון גריכענלאנד מוזן אין דריי חדשים צייט פארלאזן דאס לאנד איז אין דער פרינצעסין טהעאדארא׳ס קערפער פארגעקומען א גרויסע ענדערונג. איר פריילעכקייט איז מיט אמאל פארשוואונדן, זי איז פארזונקען געווארן אין א טיפע מעלאנכאליע זי האט זיך צוריקגעצויגן פון די מענטשן איבערהויפט פון די לוסטיגע געזעלשאפט זי האט זיך צו קיין עסן נישט צוגערירט און האט אנגעהויבן מאגערער צו ווערן פון טאג צו טאג.

מיט גרויס טרויער האט קעניג באזיל צוגעזעהן ווי זיין אינגסטע טאכטער ווערט אלס ערגער און ערגער

אויף זיין באפעל האט מען צו איר געברענגט די גרעסטע און בארימסטע דאקטוירים פון גריכענלאנד די בעסטע דאקאוירים האבן אנגעווענדט אלע מיטלען איהר צו היילן אבער אן ערפאלג. פון דער בליענדער פרינצעסין איז נאר א שוואכער שאטן איבערגעבליבן און מען האט שוין געגלויבט אז אירע טעג זענען געציילטע.

דערווייל האבן די קאנסטאנטינאפאלער אידן געמאכט הכנות צו פארלאזן דאס לאנד ווייל די צייט פון דעם פעסטגעזעצטן טערמין איז שוין געווען קורץ.

פון אנפאנגס האבן זיי נאך געפרובירט מבטל צו זיין די גזרה. זיי האבן געשיקט דעפוטאציאנען צום קעניג און האבן איהם געבעטן צוריק צו נעמען דעם באפעל דער קעניג האט אבער דערפון נישט געוואלט וויסן שטייענדיג אונטער דעם איינפלוס פון די גלחים. די אידן האבן אויך דעם באנדיט יאהאן פארגעשלאגן א גרויסע סומע געלט כדי ער זאל זיך ווענדן צום קעניג פאר זיי אבער ער האט זיי נאר אויסגעלאכט און זיי ארויסגעטריבן פון זיין הויז.

פארלירענדיג אלע האפנונגען איז זיי גארנישט איבערגעבליבן נישט מער ווי זיך צו גרייטן צום אויסוואנדערן.

רבינו גרשם האט זיך געזארגט די וויניגסטער פון אלעמען. איהם האט די גזירה נישט געקענט רואינירן. ער האט געהאט צוויי וועגן: זיך אויסצוואנדערן קיין מעטץ דארט ווי עס איז זיין געבורטס-שטאט אדער זיך צו באזעצן אין מיינץ דארט וואו די עלטערן פון זיין ווייב דבורה האבן געוואוינט. ער האט געוואוסט אז איןביידע פלעצער וועט מען איהם מיט אפענע ארעמס אויפנעמען. דארטן וועט ער קענען גאנץ רואיג לערנען און זיין מסחר וועט פארן  ווי ביז יעצט.

דאס איינציגע וואס האט איהם פארביטערט זיין לעבן איז געווען די אומגליקליכע לאגע פון זיינע ארעמע ברידער פון די אומגליקליכע וואס האבן נישט געהאט וואו זיך צו קערן און וואו זיך צו ווענדן.

טאג און נאכט האט ער געטראכט און געזוכט מיטלען ווי אזוי די מבטל צו זיין ביטערע גזרה אבער ער האט גארנישט געקענט טוהן.

אין א געוויסן טאג איז ער געוואר געווארען פון דער פרינצעסין טהעאדארא׳ס קראנקהייט און האט זיך גלייך אנטשלאסן איר צו אויסהיילן פון איר קראנקהייט. האפענדיג אז מיט דעם וועט ער קענען ארויסראטעווען זיינע אומגליקליכע ברידער. עס איז בלויז געווען איין צוריקהאלט: ווי אזוי זאל ער קומען אין קעניגליכן פאלאץ נישט-גערופענערהייט און זאל דארט העלפען די פרינצעסין טהעאדארא׳ס ?

דא האט ער זיך דערמאנט אין זיין אלטן באקאנטן פריינד ראמאן ארגידאפאליס וועלכן ער האט איהם אמאל פארקויפט א טייערן בעכער פון זילבער און פון דעמאלט אן זענען זיי געווארען זייער באפריינדעט.

ער האט געוואוסט אז די הויכער באאמטער ראמאן איז זייער ארויף געקוקט ביי דעם קעניג באזיל און קען ביי איהם אסאך זאכען אויספירן. ער האט נישט געמאכט קיין פארזוימונג נאר איז גלייך אוועק צו איהם אין זיין הויז און איהם געבעטען ער זאל איהם רעקאמענדירן פאר די קעניג אלס א דאקטאר.

- א גוטן רבי ! - האט ראמאן טרויעריג אויסגערופן ווי נאר רבינו גרשם איז אריינגעקומען צו איהם - איך ווייס פאר וועלכן צוועק דיין באזוך איז דו ביסט דאך מיר געקומען בעטן איך זאל מיך ווענדן צום קעניג וועגן דיין אומגליקליכעס פאלק אבער עס וועט גארנישט העלפן. די גזירה קען קיינער נישט מבטל זיין. די גלחים האבן א גרעסערע מאכט פון מיר. זיי האבן דעם קעניג אין זייערע הענט.

- דו האסט א טעות מיין פריינד ! - האט איהם רבינו גרשם געענטפערט. - איך ווייס זייער גוט אז קעגן אזא באנדיט ווי דער מיניסטער יאהאן איז וועסט דו נישט קענען מלחמה האלטן. אבער מיין באזוך האט איין אנדער צוועק. דו ווייסט דאך אז חוץ מיין פראפעסיאן אלס גאלד-ארבייטער האב איך נאך א צווייטע פראפעסיאן.

ראמאן: - אה איך ווייס ! דו ביזט דאך זייער א גוטער דאקטאר און עס פרייט מיך זייער אז אויך אין די מלאכה האסט דו זיך זייער גוט אויסגעצייכנט אלס וואהרער קינסטלער יא יא מיין פריינד אויך אין דעם האסט דו דיין גליק !

ענטפערט רבינו גרשם צוריק ניין מיין פריינד ! דיין לויב געהערט נישט צו מיר איך האב עס נישט פארדינט איך בין נאר א שליח פון גאט וועמען ער וויל פאר א קראנקן שיקן זיין הילף און צוליב דעם האף איך אויך יעצט אז אונזער גוטער גאט וועט מיר העלפן אויסצוהיילן די קראנקע פרינצעסין טהעאדארא ווען דו וועסט מיר רעקאמענדירן פאר דעם קעניג.

ראמאן האט איהם אנגעקוקט מיט א גרויס איבעראשונג.

- וואס רעדסט דו רבי ? - האט ער אויסגערופן - דו גלויבסט אז דו ביזט אין שטאנד אויסצוהיילן די פרינצעסין ? ווייסט דו דען נישט אז איר לאגע איז פארצווייפלט און זי שטייט שוין מיט איין פוס אין קבר ? דער קעניג האט געגעבן א באפעל נישט צוצולאזן צו איר קיין דאקטער ווייל די דאקטוירים וואס האבן זי ביז יעצט באהאנדלט האבן איר נישט פארשאפט קיין הילף און בלויז געברענגט פיין און מאטער.

- איך ווייס עס - האט רבינו גרשם געענטפערט - און דאך גלויב איך אז איך וועל איר קענען העלפן.

ראמאן:- דו ווייסט אבער וואס דער רעזולטאט וועט זיין ווען די אויסהיילונג וועט דיר נישט געלינגען ? דער קעניג וועט דיך דעמאלס פייניגען ביז טויט.

- אויך דאס ווייס איך ! אבער אין אנדער פאל ווען עס וועט מיר יא געלינגען די פרינצעסין צו אויסהיילען קען דאס זיין א גרויסע הילף פאר מיין פאלק. אלץ דאנקבארקייט וועט דער קעניג צוריקציען זיין באפעל און די ביטערע גזרה וועט בטל ווערן.

ראמאן האט זיך אויף א ווײַלע פארטראכט און האט דאן אויסגערופן:

ראמאן:- גוט איך וועל עס אונטערנעמען ! בלייב דא אוןווארט אויף מיר ! איך גיי צום קעניג און וועל איהם פארלייגען דיין פארשלאג.

טרויעריג און אין גאנצן געבראכן איז דער קעניג באזיל געזעסן אין זיין קאבינעט און האט זיין יאמער פאר דעם מיניסטער יאהאן אויסגעגאסן דאס אז זיין יונגסטע טאכטער געפונט זיך און אזא ביטערע צושטאנד.

- איך גלויב - האט דער קעניג צו דעם מיניסטער יאהאן געזאגט - אז דאס איז נאר א שטראף פון גאט פאר מיין הארטהערציגקייט צו די ארעמע אידן איז עס דען נישט א זינד אזוי עלענד און אומגליקליך צו מאכן א גאנצע פאלק ?

- אייער קעניגליכע מאיעסטעט מוזן מיר פארצייען ווען איך ערלויב מיר צו ענטפערן אז די זאך איז נישט אזוי - האט יאהאן געענטפערט - ווען דאס וואלט ווירקליך אזוי געווען וואלט אונזער הייליגער מיטראפאליט אלעקסיי צו דעם נישט צוגעשטימט. פארקערט ער האט באוויזן אז דאס איז א גרויסע מצוה.

אין דער מינוט איז דער קעניגליכער קאמערדינער אריינגעקומען מיט דער מעלדונג אז ראמאן ארגיראפאליס האט מיט איהם צו רעדן איבער א וויכטיגן ענין.

דער קעניג האט איהם געהייסן אריינריפן אין קאבינעט.

- וואס פאר א נייעס ברענגסט דו אונז מיין גוטער ראמאן? - האט איהם דער קעניג געפרעגט.

ראמאן:- מיין קענליכע מיעסטעט האט זיך ראמאן אויסגערופען א איד מיטן נאמען רבינו גרשם געפינט זיך ביי אונז אין שטאט און ער זאגט אז ער איז א גרויסע דאקטאר און ער קען אויסהיילן די פרינצעסין.

קעניג: הלואי זאל דאס זיין אמת אבער ווי אזוי קען דאס געשען?

ראמאן:- רבינו גרשם איז זייער א געשיקטער דאקטאר ער איז געבוירן אין פראנקרייך די גאנצע וועלט דערציילט פון איהם גרויסע וואונדער.

קעניג: עה! לאז מיך צורוה מיט דיינע דאקטוירים! די הונדערטער דאקטוירים וואס האבן די אומגליקליכע פרינצעסין ביז אהער באהאנדלט האבן איר נישט געברענגט קיין הילף!

ראמאן:- דו מוסט מיר מוחל זיין. מאיעסטעט! דער דאקטאר פון וועלכן איך רעד שטייט העכער איבער אלע גריכישע דאקטוירים. ער האט באוויזן זיינע טיפע קענטניסע אין דער צייט פון דער שרעקליכער פעסט און פון די קראנקע וועלכע ער האט באעאנדלט איז קיין איינציגער געשטארבן!

- מיינסטו אפשר דער גאלדשמיד? - האט דער קעניג פארוואונדערט געפרעגט

- ווער! א איד? - האט יאהאן אויסגערופן.

- דאס איז ער! - האט ראמאן געענטפערט. - ער איז דער גרעסטער געלעהרטער אין גאנץ קאנסטאנטינאפאל. זיינע מעדיצינישע קענטניסע זענען זייער טיף און וואס נאך וויכטיגער איז אז ער האט מזל אין די ארבייט.

- ביי מיר איז גאר קיין ספק נישט אז ער איז נאר א מכשף! - האט זיך דער אנטיסעמיט יאהאן אנגערופן - און איך נעם מיר די פרייהייט אייער מאיעסטעט צו ווארנען זיך נישט אריינצולאזן מיט הויכע און ארויף געקוקטע מענטשן ווי מיר זענען.

- איר מוזט מיר פארצייהען הערר מיניסטער - האט איהם ראמאן געענטפערט - אייער אורטהייל איבער דעם געלעהרטן רבינו גרשם איז פאלש ער איז נישט א מכשף ער איז בלויז א גרויסער געלעהרטער און באהאנדלט זיינע פאציענטן בלויז פון זיין וויסענשאפט.

- גוט! - האט זיך דער קעניג אנגערופן - איך וועל איהם רופן און וועל איהם איבערגעבן די פרינצעסין צום אויסהיילן אבער איידער ער וועט אנפאנגען די אויסהיילונג מוז ער מיר שווערן אז אין פאל ער וועט זי נישט אויסהיילען וועל איך איהם לאזן באשטראפן מיט דעם טויט. דאגעגן אין פאל ווען ער וועט איר יא אויסהיילען קען ער פון מיר פארלאנגען וואס ער וויל. איך וועל איהם אלעס באווילגן און יעצט ראמאן גיי געשווינד און ברענג מיר דיין דאקטאר!

ווי א פייל פון בויגן האט ראמאן זיך געאיילט צו זיך א היים און האט רבינו גרשם געבראכט דעם ענטפער פון דעם קעניג. אין א האלבע שטונדע ארום האט זיי דער קעניגליכער קאמערדינער אריינגעפירט צום קעניג אין קאבינעט.

רבינו גרשם האט זיך פאר דעם קעניג טיף פארנייגט ער האט אבער זיך נישט געשטעלט אויף די קניע ווי די עטיקעטע האט געפאדערט.

דער קעניג האט איהם א ווײלע שוויגענדיג באטראכט.

- פארוואס קניסט דו פאר מיר נישט? - האט איהם דער קעניג געפרעגט.

- איך בין א איד, קעניגליכע מאיעסטעט: - האט איהם רבינו גרשם גאנץ געלאסן געענטפערט - און מיר אידן קניען נאר פאר גאט אליין. דאך גלויב מיר מיין ערהאבענער קעניג אז מיר אידן זענען דיר נישט וויניגער געטריי ווי די אנדערע אונטערטהאנען און מיר ווייסן וואס מיר זענען דיר שולדיג. מיר לויבן און שעצן דיר מיט אונזער לייב און לעבן ווייל דו ביזט א גוטער הערשער.

קעניג: ווי אזוי הייסט דו?

רבינו גרשם: גרשם בן יהודא און דא רופט מען מיך: דער פראנצויז!

קעניג: ביזט דו ווירקליך פון פראנקרייך?

רבינו גרשם: איך בין געבוירן אין מעטץ אין לאטהרינגען (וואס באלאנגט היינט צו דייטשלאנד).

- און ווי אזוי קומסט דו אהער אין קאנסטאנטינאפאל?

קעניג: איך האב מיך אין דיין רעזידענץ באזעצט נאר צוליב דעם ווייל איך האב געהערט אז דו ביזט א גרויסער מענטשן-פריינד און אלע דיינע אונטערטהאנען לעבן גליקליך אונטער דיין שיטץ!

קעניג: אה דו האסט א גלאטן צינגעל און קענסט זייער גוט חנפן׳ען אבער זאג מיר נאר ביזטו דער באוואוסטער גאלדשמיד?

רבינו גרשם: איך בין עס מאיעסטעט!

קעניג: און ווי קומט עס אז דו ביזט מיט א מאל געווארן א דאקטאר?

רבינו גרשם: איך האב זיך נישט געוואלט באשעפטיגן מיט מעדיצין ביז עס האט דא אין דער רעזידענץ אויסגעבראכן די שרעקליכע שריפה. זעענדיג אז מיינע שכנים פאלן ווי די פליגן האב איך מיך גענומען די מיה צו העלפן ווי ווייט איך קען און א דאנק גאט איז עס מיר געלונגען צו ראטעווען הונדערטער מענטשן פון א זיכערן טויט!

קעניג: און דו טרייבסט נישט קיין כשוף?

רבינו גרשם: זאל מיר גאט דערפון באהיטן! ביי אונז אידן טאר מען זיך נישט באשעפטיגן מיט כשוף!

קעניג: און דו גלויבסט אז דו וועסט די פרינצעסין טהעאדארא אויסהיילן נאכדעם ווי אלע דאקטוירים האבן אויפגעגעבן זייער האפענונג?

רבינו גרשם: איך האף אז מיין גוטער גאט וועט מיר ווייזן דעם ריכטיגן וועג אויף וועלכן איך זאל קענען די קראנקע פרינצעסין צוריק ברענגען צו איר געזונט?

קעניג: גוט! אלזא שווער מיר ביי דיין אידישן גאט אויב די וועסט זיך נישט איינגעבען אויסצוהיילען מיין טאכטער וועסטו האבן א ביטערע סוף ווייל דו האסט פון אונז אלעמען אויסגעלאכט אבער דו מוזט אויך וויסן אז אין פאל דו וועסט אויסהיילן די פרינצעסין דאן וועל איך דיר שטארק באלוינען דערפאר

יעצט מיין גוטער ראמאן גיי און פאר אריין דעם דאקטאר צו דער פרינצעסין! איך בעט נאר ביי גאט אז ער זאל איהםביישטיין אין זיין אונטערנעמען!

## קאפיטעל 5

ווי נאר רבינו גרשם איז אריינגעקומען צו דער קראנקער פרינצעסין אין צימער האט ער זיך דערשראקן זעהענדיג וואס עס איז פון איר געווארן אין אזא קורצע צייט. בלויז איין איינציגער בליק אויף איר טויטן פנים און אויף איר אויסגעדארטן און צוזאמען געפאלענעם קערפער האט איהם שוין קלאר געמאכט פארוואס די בארימטע דאקטוירים פון קאנסטאנטינאפאל און פון גאנץ גריכענלאנד האבן אויף איר אויפגעגעבן. די בליק האט איהם יעצט אויך געזאגט אז עס איז אונמעגליך איר צו העלפן.

ער האט געבעטן אז מען זאל איהם מיט די קראנקע לאזן אליין אין צימער. און ווען אלע זענען ארויסגעגאנגען האט ער זיך גענומען אונטערזוכן די קראנקע.

וואס מער ער האט געפארשט און געזוכט האט ער זיך אלס מער איבערצייגט אז די מענטשליכע וויסענשאפט איז דא צו שוואך צו העלפן. די אומגליקליכע פרינצעסין וועט שטארבן אויב גאט וועט איר נישט שיקן זיין הילף פון הימל.

און מיט איר שטארבן שטארבט אויך די האפנונג פון טויזענטער אידן און זיין אייגענעם לעבן שוועבט אין דער גרעסטער סכנה.

ווי פון איין אונזיכטבארע האנט געטריבן איז ער געפאלן אויף די קניע און אונטער א שטראם הייסע טרערן האט ער אנגעהויבן מתפלל צו זיין צו גאט:

"גאט מיין גאט העלף מיר און טו גענאד מיט דיין קנעכט דו גאט דער מענטשן-באשעפער דו ווייסט די מענטשליכע געדאנקען דו ווייסט אז נישט צוליב מיר נישט צוליב פארדינען געלט נישט צוליב רייך ווערן און נישט צוליב כבוד האב איך איינגעשטעלט מיין לעבן אויסצוהיילן די קראנקע פרינצעסין אויף וועלכע׳ס מען האט שוין פארלוירן די האפענונג איר צוריק צו ברענגען צום לעבן- נאר צוליב דיין הייליגן נאמען כדי צו ראטעווען דיין פאלק אז זייערע שונאים זאלן זיך איבער זיי נישט געוועלטיגן און זיי זאלן נישט זיין צו שאנד און שפאס ביי זייערע שכנים. ליבער גאט! דו האסט אין דיין מאכט שטארקייט חכמה און רפואה דו קענסט טוהן וואס דו ווילסט און קיינער קען דיר נישט שטערן! דו באשטימט׳ס יעדן זיין לעבן דו מאכסט לעבעדיג די טויטע ווי דו האסט לעבעדיג געמאכט דעם זון פון די צרפתית דורך אליהו הנביא און דעם זון פון די שונמית דורך אלישע און פיל טויזענטער דורך יחזקאל הנביא. הער צו מיין געבעט און באלייכט מיך אז דורך מיר זאל לעבעדיג ווערן די קראנקע פרינצעסין וועלכע האלט ביים שטארבן! טו דאס צוליב דיין נאמען! טו דאס צוליב די יונגע קינדער וועלכע האבן נישט געזינדיגט; טו דאס צוליב די קינדער וועלכע גייען אין חדר אריין - און שיק איר א רפואה שלמה".

ווי נאר ער האט געענדיגט זיין תפלה איז ער ווידער צוגעגאנגען צום בעט און ווי גרויס איז געווען זיין איבערראשונג זעהענדיג די ענדערונג וואס איז פארגעקומען אין דעם געזיכט פון דער קראנקער אירע באקן וואס זענען מיט עטליכע מינוט פריער געווען בלייך ווי דער קאלטער טויט האבן זיך געפארבט אין א ליבליכע רויטקייט איר איינגעפאלענע קערפער האט יעצט פרייער און רואיגער געאטעמט און פון אירע אויסגעלאשענע אויגן האט יעצט א שטראל פון לעבן ארויסגעבליצט.

רבינו גרשם האט זיך יעצט זייער געפרייט זעהנדיג די פארענדערונג אינעם צושטאנד פון די פרינצעסין. ער האט דערקענט אז די הויפט-קוועלע פון די קראנקהייט איז אוועק און יעצט ברויך ער נאר זעהן איר צו קרעפטיגן זי זאל צוריק צו איר געזונט-צושטאנד קומען. ער האט דערקענט אז עס וועט פארגיין א צייט ביז די פרינצעסין וועט קענען פון בעט אויפשטיין אין דער צייט פון איר קראנקהייט האט זי גארנישט געגעסן און פון דעם זענען אירע קרעפטן זייער אפגעשוואכט געווארן און נאר גאנץ פאמעליך קען זי צוריק קומען צו אירע קרעפטן.

רבינו גרשם האט אריינגערופן איינעם פון די דינער און האט איהם געהייסן בלייבן ביי די קראנקע פרינצעסין. ער איז אליין אהיים געגאנגען האט מיטגענומען א חלף און איז אוועק אין שלאכטהויז. דארט האט ער געשחטן א יונגען אקס און נאך אלע דינים פון שחיטה האט ער אויסגעשניטן דעם בעסטן חלק פון די פלייש.

פון דעם פלייש האט ער געלאזט קאכן בוליאז אין וועלכן ער האט צוגעגעבן פארשידענע מעדעצינען און ער האט פאר די קראנקע יעדע פערטעל שעה אריינגעגעבן עטליכע לעפלעך.

די ווירקונג איז געווען זייער איבערראשענד. די קראנקע האט זיך געפילט געשטארקט און איז באלד פארזונקען געווארן אין א רואיגן שלאף וואס האט איר נאך מער געשטארקט.

אויף דעם אופן האט ער איר עטליכע טעג באהאנדלט מיט פריידן האט ער געזעהן ווי איר לאגע בעסערט זיך פון טאג צו טאג ווי אויך אירע קרעפטן בעסערט זיך פון טאג צו טאג.

- וואו בין איך? - האט זי ענדליך אויסגערופן נאך א לאנגן שלאף אויפעפנענדיג אירע אויגן.

- אין דיין אייגענעם צימער פרינצעסין! - האט ער איר געענטפערט.

- און ווער ביזט דו?

- דיין דאקטאר וואס וויל דיך אויסהיילן מיטן אויבישטען׳ס הילף! און יעצט פרינצעסין וועסטו דו זיין אזוי פריינדליך פארזוכן אביסל פון די בוליאן צו שטארקן דיינע קרעפטן.

די פרינצעסין וועלכע איז נאך געווען קראפטלאז האט נישט געקענט נעמען אליין דעם לעפל צום מויל אבער מיט פארגניגען האט זי געזופט פונעם לעפל וועלכן רבינו גרשם האט מיט זיין האנט צו איר מויל צוגעטראגן און נאך דעם איז זי ווידער אנטשלאפן געווארן.

אויך רבינו גרשם וועלכער איז געווען זייער מיד האט זיך אביסל צוגעשפארט נאך דעם ווי ער האט געשטעלט איינעם פון די הויף-דינער אז ער זאל וואכן איבער די קראנקע פרינצעסין טאמער זי וועט עפעס פארלאנגען.

אויף צומארגענס איז געקומען די מוטער פון די קראנקע פרינצעסין דעם קעניג׳ס באזיל פרוי באזוכן די קראנקע. ווי גרויס איז געווען די גליק און פרייד פון די קעניגען זעהנדיג אז איר טאכטער וועלכע זי האט אין די לאנגע וואכן פון איר קראנקהייט נישט דערקענט האט זיך יעצט צו איר אנגערופן:

"מאמע מאמע ווי וואונדרלעך איך פיל מיר שוין אסאך בעסער"

א שטראם טרערן איז ארויס פון די קעניגען׳ס אויגן נישט קענענדיג רעדן פון פרייד רבינו גרשם האט איר געבעטן אז זי זאל ארויסגיין פון צימער און זאל גארנישט רעדן מיט די קראנקע כדי אירע שוואכע נערוון זאלן נישט ווערן ערשיטערט טאמער נישט קען זי חלילה צוריקפאלן אין איר קראנקהייט.

דער צושטאנד פון דער פרינצעסין טהעאדארא האט זיך געבעסערט פון טאג צו טאג דאך האט רבינו גרשם צו איר נישט צוגעלאזט קיין מענטש ווייל ער האט מורא געהאט אז די קלענסטע אויפרעגונג זאל איר נישט שאדן.

אכט טעג נאך אנאנד האט ער פון איר בעט נישט אפגעטרעטן און האט אנגעווענדעט פארשידענע מיטלען. אין די אכט מעת-לעת האט ער קיין איינציגע מינוט נישט גערוהט אבער דער געדאנקען אז ער קומט אלץ נעענטער צום ציל האט איהם געשטארקט און געהאלטן אויף די פיס.

אין די אכט טעג זענען געשטאנען גרייט קעניגליכע באדינער׳ס צו ר׳ גרשם׳ס באפעלן צו ברענגן פארשידענע זאכן ווי צום ביישפיל לעבעדיגע חיות און געוויקסען פון וועלכע ר׳ גרשם אליין האט געמאכט געוויסע עסן און געוויסע רעצעפטן פאר די פרינצעסין. צוליב דעם ווייל אין דער צייט פון איר קרענק זענען אירע קרעפטן שטארק אפגעשוואכט געווארן און מען האט שוין נישט געגלויבט אז זי וועט בלייבן ביים לעבן. אויפ׳ן נײנטן טאג האט רבינו גרשם מודיע געוועזן פאר די קעניגליכע פאמיליע אז די פרינצעסין איז שוין ארויס פון געפאר און מען ברויך שוין נישט מורא האבן אז די פרינצעסין זאל שטארבן יעצט האט ער שוין ערלויבט די קראנקע עסן פונעם געווענליכן קעניגליכן טיש און טרינקען וויין וועלכן איר הארץ באגערט אבער נישט פיל מיט אמאל נאר צו ביסעלעך מורא האבנדיג אז זי זאל נישט דורך דעם אפעטיט וואס זי האט באקומען נאך די קרענק, איבערכאפן די מאס ביים עסן אדער טרינקען פלעגט רבינו גרשם אליין אכטונג געבן אז די פרינצעסין זאל עסן און טרינקען אלעס נאר מיט א מאס לויט ווי ער האט פארשטאנען און מער האט ער נישט געלאזט איר געבן.

אז עס איז אריבער נאך אכט טאג און רבינו גרשם האט איינגעזעהן אז די געפאר איז פארשוואונדען האט ער איר ערלויבט אויפצושטיין און צו פארברענגען א פאר שעה אין טאג אין דעם גרויסן קעניגליכן פארק.

דארטן האבן איר דער קעניג באזיל און אירע מוטער באגעגענט און ווי גרויס איז געוועזן זייער פרייד און זייער איבעראשונג טרעפענדיג זייער יונגסטע טאכטער פריש און געזונט געזונט געזונט ווי זי איז פריער געוועזן.

נאך עטליכע טעג איז רבינו גרשם פארבליבן אינעם קעניגליכן פאלאץ דאן האט ער געלאזט מעלדן דעם קעניג אז די פרינצעסין איז שוין פולשטענדיג געזונט און זי דארף שוין מער נישט קיין דאקטאר.

- עס איז דיר געלונגען מיין פריינד די פרינצעסין אויסצוהיילען - האט דער קעניג צו איהם געזאגט אריינגעקומענדיג צו איהם אין קאבינעט - די פרינצעסין איז פולשטענדיג געזונט און מונטער. מיר וועלן עס דיר קיינמאל נישט פארגעסן און שוין יעצט וועל איך דיר פאר דיין מיהע באלוינען איך האב פאר דיר פופציג טויזענט דוקאטן באשטימט און היינט נאך וועסט דו באקומען דאס געלט.

דיין חסד איז זייער גרויס מיין ערהאבענער קעניג - האט רבינו גרשם געענטפערט - אבער דו מוזט מיר מוחל זיין איך קען דאס געלט נישט נעמען.

קעניג: וואס ? פארוואס געפעלט דיר נישט מיין באלוינונג ?

רבינו גרשם :ניין מאיעסטעט ! דער שכר איז זייער גרויס אבער איך וויל עפעס אנדערש !

קעניג: וואס ווילסטו ! שעם דיר נישט נאר רעד !

דיין באפעל אז מיינע ארעמע אידישע ברידער מוזן פארלאזן דאס לאנד הענגט ווי א שארפע שווערד איבער זייער האלז. מיט וואס האבן מיינע ארעמע אידישע ברידער פארזינדיגט אז צוליב דעם מוזן זיי פארלאזן זייער פאטער לאנד, א לאנד וואו זיי זענען געבוירן וועלכע זיי האבען ליב ווי זייער אייגענע מוטער און מיט וועלכע זיי זענען צוזאמענגעוואקסן ? איך ווייס מיין גוטער און ערהאבענער קעניג אז אזא שלעכטע גזירה שטאמט נישט פון דיין הארצן דיין הארץ פילט איידעלער און מענטשליכער, דו האסט זיך נאר געלאזט בלענדען פון אנדערע וואס האסן אוף אונז אידן צוליב אנטעמיזים אדער וואס זענען אונז מקנא אין טיפען הארצן. טוט דיר דען נישט וויי אוועק צושיקען טויזענטע ערליכע און אומשולדיגע גאר אומזיסט און צו מאכן אומגליקליך. אבער דערוויל האט דאס אומגליק נאך נישט פארסירט דו האסט נאך צייט חרטה צו האבן דו קענסט נאך צוריק רופן דיין באפעל און דאס וועט זיין דער בעסטער לוין מיר צו באצאלן פאר מיינע מיהע.

דער קעניג האט זיך אויף א ווײלע פארטראכט און האט דאן געפרעגט ?

קעניג: און ווען איך וועל צוריק רופן מיין באפעל וועסט דו פון מיר עפס אנדערש פארלאנגען ?

רבינו גרשם: ניין גאר נישט מיין גוטער קעניג !

קעניג: אבער פון דיינע אידישע ברידער וועסטו געוויס פארלאנגען א גרויסע סומע געלט פאר די טובה וואס דו האסט זיי געטוהן ?

רבינו גרשם: איך שווער דיר ביי מיין גאט און ביי מיין הייליגן גלויבן אז איך וועל פון זיי אפילו נישט נעמען איין פרוטה אפילו זיי זאלן מיך וועלן באצאלן מיט געלט. גאט איז מיין עדות אז איך טוה דאס נישט פאר געלט !

קעניג: דו ביזט א בראוועד מאן רבי גרשם און היינט וועל איך נאך צוריק ציען פון מיין באפעל. דו מוזט אבער וויסן אז דורך דעם וועל איך האבן א גרויסן שאדן. צוליב דעם וואס איך בין אנטשלאסן געוועזן אפצוקויפן די אידישע גיטער מיט א קליינעם פרייז נאך דעם ווי די אידן וועלן פארלאזן דאס לאנד און ווידער צו פארקויפן און מאכען דערפון אסאך געלט ווייל איך דארף האבן געלט צו דעם קריג מיט די בולגאי׳ען

- אה מיין גוטער קעניג - האט איהם רבינו גרשם איבערגעשלאגן - וועגן געלט זאלסט דו נישט זארגן מיינע אידישע ברידער אלס דאנקבארקייט צו דיר וועלן דיר אוועקגעבן דאס לעצטע וואס זיי פארמאגען און דיר אונטערצושטיצן אין דעם קריג מיט די בולגארען.

קעניג: ניין איך קען פון די אידן נישט אננעמען קיין געלט ! דער מיטראפאליט און די פריעסטער וועלן דאן זאגן אז איך האב מיך צו זיי פארקויפט פאר געלט

- אבער די פופציג טויזענט דוקאטן וועלכע איך האב פאר דיר צוריק געגעבען שענק איך פאר דיין קריגס-קאסע קעניגליכע מאיעסטעט ! - האט איהם רבינו גרשם ווידער איבערשלאגן.

נאך אין דעם זעלבן טאג האט דער קעניג באזיל געלאזט וויסן אין זיין גאנצער מדינה אז זיין באפעל וועגן די אידן איז בטל ומבוטל די אידן מעגן בלייבן וואוינען אין גאנץ גריכענלאנד און געניסן אלע רעכטען מיט אלע בירגער צוגלייך.

איבערגליקליך איז רבינו גרשם פון קעניגליכן פאלאץ אוועקגעאנגען און האט געדאנקט גאט אז ער האט איהם געפירט אויף דעם ריכטיגען וועג.

די אידן האבן איינשטימיג באשלאסן צו באעהרן רבינו גרשם מיט א שיינע געלט-מתנה הערענדיג אז נאר צוליב זיי האט ער זיך אפגעזאגט צו נעמען פונעם קעניג פופציג-טויזנט דוקאטן אבער רבינו גרשם אלס ערליכער מענטש און גדענקענדיג די שבועה וועלכעס ער האט געשוואוירן דעם קעניג האט נישט געוואלט נעמען ביי זיין קיין איין פרוטה.

אין אלע ערטער וואו עס איז אנגעקומען דעם קעניג׳ס באפעל האבן די אידן געמאכט א יום-טוב און מען האט געדאנקט גאט אז אין דער לעצטער מינוט האט ער זיי געשיקט די ישועה דורך רבינו גרשם וועלכען׳ס נאמען איז איצט געווארן געאכטעט אזוי ווי מרדכי הצדיק אין די צייט פון אחשורוש און זיי האבן אנגערופן רבינו גרשם׳ן מיטען נאמען ״מושיע-ישראל״ (דער העלפער פון די אידן).

אבער דער כעס פון דעם מיניסטער יאהאן האט געברענט אין זיין הארצן ווי א העלישן פייער. ער האט איינגעזעהן אז זיין גאנצער פלאן איז פארלוירן געגאנגען דורך רבינו גרשם און דאס האט איהם זייער געקרענקט.

- איך האב די מלחמה פארלוירן - האט ער מיט די ציין קריצענדיג אויסגערופן אבער ער דער רבי גרשם וועט מיר דערפאר טייער באצאלן ! איך וועל איהם פארניכטן, לאמיר נאר קריגן דערצו די ריכטיגע געלעגנהייט.

## קאפיטעל 6

ווען רבינו גרשם איז פון קעניגליכן פאלאץ צוריק אהיים געקומען זענען זיינע ביידע פרויען דבורה און מעליטטא ארויסגעקומען איהם מקבל פנים צו זיין.

ביידע האבן שוין געוואוסט וואס עס האט מיט איהם געטראפן אין פאלאץ.

- געלויבט איז גאט - האט די פרומע דבורה אונטער א שטראם פריידן-טרערן אויסגערופן - אז ער האט מבטל געווען די ביטערע גזרה און נאך אמאל זאל ער זיין געלויבט אז ער האט דיך אויסגעקליבן צו זיין דער מלאך-מושיע און צו ראטעווען זיין ארעמעס פאלק פון אונטערגאנג !

נאר מעליטטא האט נישט געהאט קיין ווערטער. שטיל און טרויעריג איז זי געשטאנען פאר איר מאן און האט מיט איהם נישט באגריסט קיין ווארט.

זי איז געווען ברויגעז אויף איר מאן אז ער האט פון קעניג די פופציג טויזענט דוקאנטן מיט וועלכע ער האט איהם געוואלט באלוינען נישט געוואלט אננעמען.

- פופציג טויזענט דוקאטן ! עפעס א קלייניגקייט ? - האט זי ביי זיך געטראכט - וויפיל שיינע קליידער און וויפיל טייערע שיך קען מען פאר אזא סומע קויפן ! וואס וואלט מיך געקימערט ווען מען וואלט די אידעלעך ארויסגעטריבן איך וואלט דא געקענט בלייבן און וואלט געקענט לעבן א גוטן טאג !

- נו און דו מעליטטא - האט זיך רבינו גרשם צו איר אפגערופן - דו האסט מיר גארנישט צו זאגן פרייסט דו זיך דען זיך גארנישט אז אונזער גוטער גאט האט געשיקט די ישועה דורך מיר ?

- געוויס פרייט עס מיר ! - האט זי האסטיג געענטפערט - אבער עס קרענקט מיר אז דער קארגער קעניג האט דיר אויך נישט געגעבן דאס געלט עס וואלט אונז זייער שטארק צונוץ געקומען.

- זיי רואיג מיין קינד ! אונז וועט גארנישט פעלן, דיר איבערהויפט נישט ! דו ווייסט דאך אז פאר דיינעטוועגן זשאלעווע איך גארנישט !

מעליטטא האט גארנישט געענטפערט אבער אין איר הארצן האט געברענט א פייער פון כעס אויף איר ״נארישן״ מאן וואס האט זיך ענטזאגט פון אזא אוצר געלט.

טאג טעגליך פלעגט רבינו גרשם באזוכן די פרינצעסין טהעאדארא און פלעגט איר ברענגן פארשידענע געטראנקען כדי איר נאך מער צו קרעפטיגן.

איינמאל ווען ער איז אריינגעקומען צו דער פרינצעסין אין צימער האט ער געטראפן ביי איר דעם קעניג באזיל.

דער קעניג האט איהם זייער פריינדליך באגריסט און האט איהם געפרעגט :

קעניג: זאג מיר רבי האסט דו געלערנט דעם אידישן גמרא.

- יא טייערע קעניג ! - האט רבינו גרשם געענטפערט.

קעניג: וואס פאר א ווערק איז דער גמרא ?

רבינו גרשם: דאס איז א ווערק וואס אנטהאלט אין זיך יענעם טייל פון אונזער תורה וואס איז אונז איבערגעגעבן געווארן פון איינעם צום צווייטן בעל פה.

קעניג: איך פארשטיי עס נישט. ווילסט דו מיר דאס דייטליכער ערקלערן ?

רבינו גרשם: זייער גערן. מיין ערהאבענער קעניג ! ווען משה רבינו איז געקומען אויף דעם בארג סיני האט איהם דער רבונו של עולם איבערגעגעבן די תורה געשריבן אין א בוך אבער אין דעם בוך זענען נאר געווען די עקרים פון אונזער אמונה. דעם פירוש אויף זיי האט איהם גאט מיט ווערטער איבערגעגעבן, פאר זיין טויט האט משה רבינו איבערגעגעבן די פירושים אויף דער תורה צו זיין נאכפאלגער יהושע און אזוי איז עס געגאנגען פון איינעם צום צווייטן ביז נאך דעם צווייטן חורבן. אויס מורא אז די תורה זאל נישט פארגעסן ווערן האבן אונזערע געלעהרטע דאס אלעס אויפגעשריבן און אויף דעם אויפן האט זיך אויסגעבילדעט אונזער גרויסער גמרא. אבער נישט נאר דינים און מצוות אליין ענטהאלט אונזער גמרא אין זיך ער איז אויך איין אוצר פון פארשידענע חכמות און וויסענשאפטן.

קעניג: געפינט זיך עפעס אין אייער גמרא איבער שלמה המל׳ך שטוהל ?

רבינו גרשם: דער גמרא דערציילט אונז פון איהם גארנישט אבער א באשרייבונג פון די וואונדערבארן שטוהל געפינען מיר אין אנדערע ספרים וואס זענען אזוי וויכטיג ווי דער גמרא.

קעניג: קענסט דו מיר געבן א קלארע ידיעה פון דעם שטוהל ?

רבינו גרשם: געוויס מיין גוטער קעניג !

קעניג : איך בין זייער נייגעריג צו וויסן ווי אזוי דיר שטוהל איז געבויט געווארן.

רבינו גרשם: דעם וואונדערבארן שטוהל וואס איז געווען דער איינציגער אין זיין ארט האט געבויט א געוויסער קינסטלער פון צור א בארימטער קינסטלער אין גאלד-ארבייט אין די צייטן פון שלמה המלך דער גאנצער שטוהל איז געבויט געווארן פון ריינעם גאלד וואס איז געבראכט געווארן אויף שיפן פון דעם לאנד אופאר. דער קינסטלער האט איהם צוזאמענגעזעצט פון גאלדענע בלומען און אויסגעפוצט מיט די טייערסטע בריליאנטן און רובינען. אויף דער פונדאמענט איז געווען פארגעשטעלט א רייע פון צוועלף גאלדענע לייבן וואס זענען געשטאנען קעגן א רייע פון צוועלף גאלדענע אדלערס אויף די צווי רייהען פון לייבן און אדלערס האט גערוהט דער שטוהל וואס האט געהאט זעקס טרעפ. אויף דעם ערשטן טרעפ זענען געשטאנען א גאלדענער אקס און א גאלדענער לייב אויף דעם צווייטן - א וואלף מיט זעקס שעפסן אויף דעם דריטן - א לעמפעל מיט א קעמעל אויף דעם פערטען - אן אדלער מיט א פאווע אויף דעם פינפטן - א קאץ מיט א האן און אויף דעם זעקסטן - א טויב מיט א שפארבער אלעס פון ריינעם גאלד געמאכט. גאר אויבן אויף דעם שטוהל האט מען געזעהן א גאלדענע טויב וואס האט געהאלטן א גאלדענעם שפארבער אין איר מויל. איבער זיי איז געשטאנען א גאלדענע מנורה מיט זיבן רעהרען אויף וועלכע עס זענען אויסגעקריצט געווען די נעמען פון די אבות און פון די נביאים וואס האבן געלעבט פאר שלמה המלך. ווען שלמה פלעגט ארויפטרעטן אויף דעם ערשטן טרעפ פלעגן אויפשטיין דער אקס און דער לייב און פלעגן אנהויבן צו ברומען מיט זיי פלעגן מיטברומען אלע גאלדענע חיות און עופות ביז דער קעניג פלעגט זיך אוועקזעצן אויף דעם שטוהל דאן פלעגט איהם דער גאלדענער אדלער פון די פערטן טרעפ אנטוהן די קרוין און פלעגט אזוי לאנג ארומלויפן ארום זיין קאפ ביז שלמה פלעגט צוריק אראפ גיין פון שטוהל.

- וואונדער איבער וואונדער ! - האט דער קעניג באזיל מיט באגייסטערונג אויסגערופן ווי קען דאס זיין מעגליך אז א מענטשליכע האנט זאל אזא וואונדער שאפן. נישט אנדערש נאר אז די גייסטער און די פארבארגענע נאטור-קרעפטן איבער וועלכע שלמה המלך האט געהאט צו שאפן האבן איהם דערצו צוגעהאלפן.

- ניין מיין הערר קעניג ! - האט רבינו גרשם געענטפערט - נאר דאס אלעס איז געמאכט געווארן נאך די געזעטצע פון מעכאניזמוס. מיין ערהאבענער קעניג ! אינעווייניג האט דער שטוהל אין זיך געהאט א גאנצע מאסע רעדלעך און שפרינג-פעדערן וואס זענען צווישן זיך פארבונדן

געוועזן. ווען דער קעניג פלעגט דעם שטוהל מיט זיין פוס בארין זענען די רעדלעך געקומען אין באוועגונג און האבן געמאכט די גאלדענע חיות און עופות ברומען זינגען גיין און פליען.

קעניג: און דו רבי וואלסט קענען מאכן אזא שטוהל ?

רבינו גרשם: איך גלויב אז מיט גאטעס הילף וואלט איך דאס אויך געקענט מאכן !

קעניג: ווען דו וואלסט מיר אזא וואונדער געשאפן וואלט איך דיר געמאכט רייך און גליקליך !

רבינו גרשם: איך וואלט עס שוין געקענט קענען אנהויבען מיין ערהאבענער קעניג אבער עס בלייבט נאר די פראגע: צי האסט דו דען אזוי פיל גאלד ?

קעניג: דו ביזט גערעכט ! אפשר קען מען מאכן אזא שטול פון זילבער ?

רבינו גרשם: אויך פון זילבער קען מען אזא שטוהל מאכן !

קעניג: ווילסט דו דאס אונטערנעמען ?

רבינו גרשם: יא אבער איך קען אבער נישט זיין קיין ערב פאר מיינע מיטארבייטער. עס קען זיין אז איינער פון די ארבייטער וועט עפעס גנב׳נען פון דעם זילבער און די שולד וועט פאלן אויף מיר.

קעניג: האב קיין מורא נישט ! איך וועל דיר נישט חושד זיין איך וועל דיר הייסן ארויסגעבן זילבער פון מיין שאטצקאמער וויפיל דו דארפסט און דו וועסט זיך באלד נעמען צו דער ארבייט !

עטליכע טעג דערנאך האט זיך רבינו גרשם גענומען צו דער ארבייט. פון קעניגליכן שאטצקאמער האט איהם דער קעניגליכער שאטצמייסטער ארויסגעגעבן גרויסע מאסן זילבער און דער קעניג האט איהם פארזארגט מיט א גרויסע צאל מיטארבייטער אין טאג און נאכט האט רבינו גרשם נישט אויפגעהערט צו ארבייטן. און עס האט שוין אזוי ווייט געבראכט אז דער קעניג באזיל איז געקומען צו רבינו גרשם אין ווערקשטאט און דער קעניג געמוזט צוגעבן אז רבינו גרשם איז דער איינציגער און גרסטער מייסטער אין שמעלצן מעטאלען און זיי צו באארבעטן.

די פרייד פון דעם קעניג באזיל איז גארנישט צו באשרייבן. ער האט זיך פארגעשטעלט דעם ערהאבענעם מאמענט ווען ער וועט זיך זעצן אויף א טראהן וואס האט נישט זיין גלייכן אין דער גאנצער וועלט און האט באשלאסן צו מאכן א גרויסע פעסטיוועל און איינצולאדען אלע מלכים און הערשער פון די ארומיגע לענדער צו די פעסטיוועל.

און דאך איז ר׳ גרשם ביי דער ארבייט באגאנגען א גרויסן פעלער. ער איז געוועזן אזוי שטארק פארטיפט אין דער ארבייט און צוליב דעם האט ער זיך גארנישט ארומגעזעהן ווי מערערע פון זיינע ארבייטער האבן טאג טעגליך אוועקגעטראגן שטיקער זילבער צו זיך אהיים דארטן פלעגן זיי עס צושמעלצן און פארקויפן צו די גאלדשמידן אין שטאט.

שטענדיג ווען דער קעניג באזיל פלעגט צו איהם קומען אין זיין ווערקשטאט פלעגט דער קעניג מיט איהם אנקניפן א געשפרעך איבער פארשידענע ענינים און דער קעניג האט זיך געמוזט באוואונדערט ווען ער האט הערענדיג מיט וואס  פאר א זיכערהייט און מיט וואס  פאר א טיפער וויסענשאפט רבינו גרשם אורטהיילט איבער פאליטיק און אנדערע וויסענשאפטן. דער קעניג איז פון זיין געלעהרזאמקייט און פון זיין געזונטן פארשטאנד אזוי ווייט איבערצייגט געווארן אז ער האט אלס געטוהן דורך רעדן מיט איהם און שטענדיג געטוהן ווי ער האט איהם געהייסן.

דאס אלעס האט דעם אנטיסעמיט יאהאן טיף געקרענקט און נאך מער האט איהם פארדראסן אז ער האט געמוזט מורא האבן פאר דעם רבי גרשם זעענדיג אז ער איז ביי דעם קעניג זייער געאכטעט אבער זיין הארץ האט איהם נביאות געזאגט אז עס וועט קומען א צייט ווען רבינו גרשם וועט ביי דעם קעניג פארטרעטן זיין הויכע שטעלע און פאר יענער צייט האט ער געציטערט ווי פאר דעם טויט.

עס איז פאר איהם קיין אנדער מיטל נישט געבליבן ווי בלויז צו זוכן מיטלען און וועגן ווי צו פארניכטן רבינו גרשם שנעל ווי מעגליך.

## קאפיטעל 7

דער שטוהל איז פארטיג געווארן און רבינו גרשם האט געמאלדען דעם קעניג אז ער קען עס נעמען צו זיך אין זיין פאלאץ.

ערשט יעצט האט דער קעניג איינגעזעהן אז זיין טהראן-זאל איז פאר דעם שטוהל צו קליין און דערפאר האט ער געגעבן א באפעל איבערצובויען און צו פארגרעסערן זיין טהראן-זאל.

און ווען די אלע הכנות זענען פארטיג געווארן האט מען אונטער רבינו גרשם׳ס אויפזיכט אריבערגעפירט דעם טהראן אינעם קעניגליכן פאלאץ.

דער קעניג האט אלע זיינע מיניסטארן און אלע גרויסע באאמטע פון זיין לאנד געלאזט צוזאמען-רופן זיי צו ווייזן דאס גרויסע וואונדער.

אלע זענען געשטאנען אין דעם גרויסן טהראן-זאל און האבן אומגעדולד געווארט אויף דעם מאמענט ווען די צערעמאניע וועט זיך אנפאנגען.

אין אויסרוף פון איבערראשונג און שרעק האבן אלע פון זיך ארויסגעשטויסן ווען רבינו גרשם האט געלאזט אויפהויבן דעם פארהאנג און זיי האבן דערזעהן דעם וואונדערבארן גלענצענדן טהראן.

אלע חיות בהמות און עופות וואס זענען פון ריינעם זילבער געמאכט געוועזן האבן אויסגעזעהן אזוי ווי זיי לעבן און אטעמען, און פון זייערע בריליאנטענע אויגן האבן זיך טויזענטע שטראהלן צוגאסן איבער דעם גרויסן זאל.

און נאכדעם ווי רבינו גרשם האט פאר דער גאנצער פאראמלונג ערקלערט דעם מעכאניזמוס פון אלע ארגאנען רעדלעך און שפרינגפעדערן פון דעם שטוהל האט איהם דער קעניג געפרעגט:

- זאג מיר רבי איז דאס ריכטיג אז די טויב האלט דעם שפארבער אין איר מויל ? אין לעבן איז דאך דאס פארקערט !

- אלעס איז נאר די השגחה פון גאט מיין ערהאבענער קעניג - האט איהם רבינו גרשם געענטפערט - דורך גאט׳ס השגחה קען דער שוואכער באזיגן דעם שטארקן ווען נישט וואלט די וועלט נישט געהאט קיין קיום אבער יעצט זיי אזוי גוט און גיי ארויף אויף דעם טהראן !

קוים האט קעניג באזיל ארויפגעשטעלט זיין פוס אויף דעם ערשטן טרעפ איז דער זילבערנער אקס אויפגעשטאנען פון זיין פלאץ און האט אנגעהויבן שרעקליך צו ברומען אויך דער זילבערנער אדלער האט אנגעהויבן צו קלאפן מיט די פליגלען צו אוועק פליען.

דער קעניג האט זיך דערשראקן און איז צוריק אראפגעגאנגען פון שטוהל.

- גיי דו פריער ארויף רבי - האט דער קעניג אויסגערופן - איך וויל זעהן אויב עס וועט דיר עפעס פאסירן.

אין זאל איז שטיל געוועזן ווי אין א קבר און אלע אויגן פון די פארזאמעלטע זענען מיט דער גרעסטער ערווארטונג געריכטעט געווען אויף רבינו גרשם וואס איז גאנץ רואיג צוגעגאנגען און מיט א שמייכעלע אויף זיינע ליפן צום שטוהל.

ער איז ארויף פון איין טרעפ אויף דעם צווייטן די זילבערנע חיות און עופות זענען אויפגעשטאנען געשריגן און געברומט אבער ער איז אלץ ווייטער געגאנגען.

ווען ער איז שוין געווען אויף דעם פיערטן טרעפ האט איהם דער זילבערנער אדלער אנגעטוהן די קעניגליכע קרוין אויף זיין קאפ.

די פארזאמעלטע וואס זענען ביז יעצט ווי פארגליווערטע געשטאנען האבן יעצט מיט איינמאל לעבן באקומען, און האבן אויסגעבראכן אין ווילדע אפלאדיסמענטן.

נאך דעם ווי רבינו גרשם איז פון טהראן ארונטערגעגאנגען האט שוין דער קעניג באזיל נישט מורא געהאט ארויפצוגיין דעם טהראן און אויך יעצט איז די זעלביגע סצענע פארגעקומען ווי מיט רבי גרשם. די פרייד פון דעם איבערגליקליכן קעניג איז גאר נישט צו באשרייבן. און אראפגייענדיג פונעם טהראן האט ער דערלאנגענדיג רבינו גרשם זיין בריליאנטענעם רונג צו איהם געזאגט:

- יעצט מיין פריינד ווייס איך נאך נישט מיט וואס דיר צו באלוינען שפעטער וועל איך שוין עפעס אויסגעפינען דערווייל נעם די רינג. ער וועט דיר דינען אלץ שוטץ קעגן יעדן פיינט וואס וועט זוכן דיר שלעכטס צו טוהן ווען דו וועסט זיין אין א נויט דארפסט דו נאר צו מיר קומען און מיר ווייזן דעם רינג דאן וועל איך שוין וויסן ווי דיר צו שעצן!

רבינו גרשם האט דעם קעניג באדאנקט און איז אוועק צו זיך אהיים.

דער אנטיסעמיטישער מיניסטער יאהאן וואס איז אויך געוועזן ביי דעם צערעמאניאל האט דאס אלעס מיט גרויס קנאה און מיט גרויס הארצווייטאג צוגעזעהן. ער האט שוין פארשטאנען אז פון יעצט אן איז שוין זיין שטערן אונטערגעגאנגען און רבינו גרשם׳ס שטערן שטייגט אלץ העכער און העכער.

צו זיין פרייד אבער איז אין איהם יעצט געבוירן געווארן א נייער פלאן ווי אזוי זיין בלוט-פיינד צו פארניכטן און האט זיך באלד גענומען די פלאן אויסצופירן.

גלייך ווי ער איז צו זיך אהיים געקומען האט ער צו זיך זיין פלימעניק מיכאיל געלאזט רופן און האט איהם געפרעגט:

- מיכאיל. ווי שטייט עס מיט דיין פלאן צו מאכען פאר א מיניסטער דער אידישער מיידל ?

- פון יענעם טאג אן - האט מיכאיל געענטפערט - אין וועלכן דו האסט מיר פארבאטן איר צו מאכען פאר א מיניסטער האב איך זי מער נישט געזעהן.

- און וואס איז פון איר געווארן?

מיכאיל: איך ווייס נישט ליבער פעטער.

יאהאן: אלזא וועל איך עס דיר זאגן. איר פאטער איז געשטארבן אין דעם טאג ווען עס האט אויסגעבראכן די גרויסע שרפה אין קאנסטאנטינאפאל אבער מיט א קורצע צייט פריער האט מעליטטא חתונה געהאט מיט דעם בארימטן רבינו גרשם.

מיכאיל: אבער צו וואס טוסטו מיר עס דערציילן. פעטער?

יאהאן: צוליב א וויכטיגן פלאן וועלכן איך וויל יעצט אויספירן און ביי וועלכן דו וועסט מוזן מיטווירקן מיט מיר. ווילסט דו מיר ביישטיין?

מיכאיל: מיט לייב און לעבן!

יאהאן: אלזא זאלטס וויסן אז איך שטיי אין באגריף צו פארלירן מיין הויכע שטעלע?

- גאט אין הימל - האט מיכאיל מיט שרעק אויסגערופן - ווי אזוי איז דאס מעגליך?

- עס איז ליידער דאך אזוי דער פארפלוכטער איד רבינו גרשם האט אויף מיין פאסטן זיין אויג געווארפן און ווי עס שיינט מיר איז איהם שוין געלונגען די שטעלע צו באקומען. ווען ער זאל מיר נישט שטיין אין וועג וואלט איך נאך געקענט בלייבן ביי מיין ראנג און שטעלע אבער ער האט זיך ביי דעם קעניג איינגעשמייכלט און איז זייער חשוב געווארן.

מיכאיל: וואס זשע זאל איך דערביי טוהן ליבער פעטער? זאל איך דינגען א פאר מערדער וואס זאל פאר א געוויסן פרייז איהם אומברענגען?

יאהאן: ניין מיין קינד נישט אזוי איז דער ריכטיגער וועג א פיינד צו באזייטיגן. עס קען אמאל נישט געלונגען און די שולד וועט אויף אונז פאלן. דא מוז געהאנדעלט ווערן מיט שכל און דעם פארהאסטן איד אין אזא געטץ אריינצוקריגן פון וועלכן ער זאל זיך נישט קענען ארויסראטעווען אפשר קענסטו גוט ווערן מיט מעליטא? עס קען מעגליך זיין אז צו דיר וועט זי דיר אנטדעקן געוויסע סודות דורך וועלכע מיר וועלן איהם קענען פארניכטן.

מיכאיל: אבער זי איז געוויס בייז אויף מיר ליבער פעטער אז איך האב איר פון יענעם טאג אן מער נישט באזוכט.

יאהאן: אה ביזט דו גאר א קינד! קענסט דו דען נישט עפעס וואס אויסטראכטן זיך צו רעכטפארטיגן? דו קענסט איר זאגן אז דו ביסט געוועזן אין קריג און יעצט ווען דו ביסט צוריק געקומען איז דיין ערשטער גאנג צו איר. פארקערט שפיגל איר פאר אלע גליקן פון דער וועלט!

מיכאיל האט זיך נישט פארזוימט צו טוהן ווי זיין פעטער האט איהם געהייסען און נאך אין דעם זעלביגן טאג האט ער באזוכט מעליטטא און צו זיין גליק האט ער זי געפונען איינע אליין אין איר צימער.

זי איז אבער מיט איין אויסרוף פון שרעק אנטלאפן אין א ווינקעל.

- מיין הערר! - האט זי מיט כעס אויסגערופן - צווישן אונזביידע איז אלעס אויס, איר האט פון מיר מער נישט געוואלט וויסן יעצט בין איך א פארהייראטע פרוי און מיין מאן וועט צו דעם נישט מסכים זיין!

- מעליטטא! - האט ער מיט א וויינענדיגע שטימע אויסגערופן - פארוואס האסט דו דאס געטוהן? פארוואס האסט דו מיך אזוי אומגליקליך געמאכט וואס בין איך שולדיג אז דער קעניג האט מיך אוועקגעשיקט אין דער מלחמה פונקט דעמאלס ווען איך האב דיך געוואלט דיר צו מאכען פאר א מיניסטער? פארוואס האסט דו אויף מיר נישט געווארט? זעה וואס דו האסט געטוהן!

און גרעסער צו מאכן די ווירקונג פון זיינע ווערטער נאך האט ער פארדעקט זיין געזיכט מיט ביידע הענט און א געוויינט לאנגע צייט און זיין ציל האט ערר[e]ייכט. זיינע רייד האבן געמאכט א גרויסן איינדרוק אויף מעליטטא. און אויך זי האט זיך צוויינט.

- ווי ווי! - האט זי אונטער א שטראם הייסע טרערן אויסגרופן - פון ווי וואלט איך געדארפט וויסען אז די ווילסט נאך מאכען פאר א מיניסטער נאך דעם ווי דו האסט מיך פארלאזט אזוי פלוצלונג פארוואס האסט דו מיר נישט געשריבן קיין איינציגן בריוו

מיכאיל: האסט דו דען קיין איינציגן פון מיינע בריוו נישט ערהאלטן?

מעליטטא: קיין איינציגן! אבער יעצט איז שוין אלעס אויס! דו מוזט אין א אויגענבליק פארלאזן מיין הויז מיין מאן קען אריינקומען אדער דבורה

מיכאיל: דבורה? ווער איז דאס די דבורה?

מעליטטא: מיין מאנ׳ס ערשטע פרוי.

- וואס הער איך? - האט דער באנדיט אויסגערופן - דיין מאן האט צוויי ווייבער פונקט ווי אלע געצען דינער? אוי ווי אומגליקליך ביסט דו! און האפענטליך וועלן מיר דיר מאכען אויס אומגליקלעך!

מעליטטא: און וואס קענסט דו טוהן?

מיחאיל: יעצט ווייס איך עס נאך נישט איך ווייס נאר אז דו מוזט ווערן א מיניסטער! אבער זעה נאר וואס פאר א געשאנק איך האב דיר מיטגעבראכט!
ביי די ווערטער האט ער איר דערלאנגט א גאלדענעם ברעסלעט וואס איז געוועזן באזעצט מיט א אסאך ברילאנטן און רובינען.
- נעם עס מיין טייערע! - האט ער צו איר געזאגט - איך האב עס געברענגט פאר דיר פון א ווייטע לאנד!
מעליטטא איז שוין אין גאנצן געווארן באזיגט. דער טייערער ברעסלעט האט איר שוין אין גאנצן אפגעקויפט

## קאפיטעל 8

רבינו גרשם האט זיך ווידער גענומען צום לערנען אבער יעצט ער האט זיך דערצו גענומען, מיט א דאפעלטע התמדה האבענדיג מער צייט נאכן פארטיגען דער זילבערנער טהראן. ער האט זיך זייער געפרייט אז ער איז פריי געווארן פון דער גרויסער ארבייט. און אז ער קען זיך ווידער באשעפטיגן מיט תורה און מיט אנדערע וויסענשאפטן.
ער האט זיך געפילט גליקליך מיט דעם געדאנק אז ער האט געקענט העלפן זיינע אידישע ברידער פון א נויט און דאך האט ער דורכגעלעבט מינוטן אין וועלכע זיין קאפ איז פול געוועזן מיט שווערע זארגן. איין אינערליכע שטימע האט איהם געזאגט אז הינטער זיין רוקן שטייט א ביטערער פיינד וואס זוכט נאר א געלעגנהייט איהם און זיינע ברידער שאדן צו מאכען ער האט געוואוסט אז דער אנטיסעמיט יאהאן גראבט שטילערהייט פאר איהם א גרוב און וועבט א נעטץ פאר דעם גאנצן כלל ישראל פון גריכענלאנד.
אין די טרויעריגע שטונדן פלעגט ער זיך טרייסטען מיט דעם געדאנק אז געוויס וועט איהם דער פריינדליכער קעניג באזיל נעמען אין שיץ קעגן יעדן פיינד. וויל נאר צו דעם צוועק האט ער איהם געגעבן דעם רינג. דאס קעניג האט דאך דאס איהם אויסדרוקליך  געזאגט אז אויב ער איז אין א פארגלעגענהייט דארף ער נאר קומען צום קעניג און ווייזן דעם רינג.
עטליכע טעג שפעטער נאך דעם ווי רבינו גרשם האט איבערגעגעבן פאר דעם קעניג דעם זילבערנעם טהראן האט דער קעניג באזיל צוזאמען-גערופן אלע זיינע מיניסטארן און הויכע באאמטע מיט זיי צו זיך בעראטהען מיט וואס מען זאל באלוינען דעם רבינו גרשם פאר דעם וואונדערבארן זילבערנעם טהראן און פארן אויסהיילן די פרינצעסין טהעאדארא וועלכע ער האט ארויסגעראטעוועט פון א זיכערן טויט.
מיינע העררען! - האט דער קעניג זיצנדיג אויף זיין טהראן צו זיי געזאגט - איר ווייסט אלע צו וועלכן צוועק איך האב אייך היינט צוזאמענגערופן איר קענט אלע דעם מאן וואס האט געראטעוועט מיין טאכטער פון א זיכערן טויט און וואס האט אויסגעבויט דעם טהראן וועלכן איר אלע טוען באוואונדערן. איך האב גרויס לוסט איהם צו פארגלעטן ווי ער פארדינט עס. עס וואלט מיך זייער געפרייט ווען איך זאל איהם קענען אזוי באלוינען ווי דער קעניג פרעה האט באלוינט דעם יוסף. אבער צום באדויער איז ער א איד און אונזערע געזעטצע ערלויבן נישט צו געבן פאר א איד א הויכן אמט אין דער מלוכה. ביז היינטיגן טאג האב איך מיר צובראכן מיין קאפ טראכטנדיג און קלערנדיג ווי אזוי רבינו גרשם צו באלוינען און האב צו מיין באדויערן גארנישט געקענט אויסטראכטן. צוליב דעם פארלאנג איך פון מיינע העררען איר זאלט מיר דערצו ראטהען אבער מיט ערליכקייט און מיט יושר ווי עס פאסט פאר באאמטע וואס שטייען נאנט פון מיין טהראן און וואס העלפן מיר פארן אזא גרויסע מלוכה ווי גריכענלאנד.
דער מיניסטער יאהאן איז פון די ווערטער בלייך געווארן ווי א שטיק קרייד. ער האט עפעס וואס געוואלט ענטפערן אבער אין די אויגענבליק איז דער מיטראפאליט פון קאנסטאנטינאפאל פון זיין שטוהל אויפגעשטאנען און האט אויסגערופן:
מאיעסטעט! ווי דו און ווי אלע העררען וואס זענען דא פארזאמעלט האב איך אויך באוואונדערט די געלעהרזאמקייט פון רבינו גרשם. אז וואס ער האט פאר דיר און פאר דאס גאנצע לאנד געטוהן פארדינט דעם העכסטן לוין און עס וואונדערט מיר אז עס פאלט דיר אזוי שווער איהם דעם ריכטיגן לויהן צו געבן. פארוואס זאלסט דו איהם נישט מאכן פאר איינעם פון דיינע מיניסטארן און ראטהגעבער? פארשטאנד און קענטניסע האט ער דערצו גענוג. די איינציגע מניעה איז זיין גלויבן. אז א אזא געלעהרטער און אזא קלוגער מאן ווי ער וועט געוויס פארשטיין אז די קריסטליכע אמונה שטייט העכער פון זיין אידישן גלויבן און ער וועט געוויס איבערגיין צום קריסטענטהום!
- דו ביסט אפשר גערעכט - האט זיך דער קעניג אפגערופן - עס בלייבט נאר די פראגע אויב רבינו גרשם וועט דאס וועלן טוהן.
- אויב ער וועט דאס נישט וועלן וועט דאס זיין זיין אייגענע שולד!
דער קעניג האט איינעם פון זיינע אדיוטאנטען געהייסן צו ברענגען דעם רבינו גרשם און ווי נאר רבינו גרשם איז אריינגעקומען אין טהראן-זאל האט דער קעניג צו איהם געזאגט:
- רבי! איך וויל דיר באלוינען ווי דו פארדינסט עס. אבער דיין אמונה שטייט מיר אין וועג. ווילסט דו איבערגיין צו אונזער גלויבן וועל איך דיך מאכן פאר מיין ערשטן מיניסטער!
א קאלטער שוידער איז דורך רבינו גרשם׳ס גלידער הערנדיג דעם קעניג׳ס ווערטער אבער ער האט זיך באהערשט און האט גאנץ רואיג געענטפערט:
- מיין גוטער און ערהאבענער הערר און קעניג! זאלסט מיר פארצייען און זאלסט מיר אזא גרויסן חסד נישט טוהן. אזא הויכער פאסטן פאסט פאר מיר נישט. איך פיל מיך גליקליך און צופרידן אלס איינפאכער ארבייטער און אלס דאקטאר העכערעס וויל איך נישט!
א בליץ פון צארן האט אויפגעפלאמט אין דעם קעניג׳ס אויגן.
- אה איך ווייס! - האט ער אויסגערופן - דאס איז נאר איין אויסרייד! דו פארשטעקסט זיך אין א מאנטל פון ענייות ווייל דו ווילסט נישט איבערגיין צום קריסטענטהום!!
- צו וואס טויג אונז א דעבאטע וואס קען קיינמאל נישט נעמען קיין ענדע? - האט זיך רבינו גרשם עטוואס אונגעדולדיג אפגערופן - דו קעניג ביזט געבוירן געווארן א קריסט און איך א איד. דו געפינסט אז דיין רעליגיאן איז די ריכטיגע און איך זאג אז מיין אמונה איז די ריינסטע די ערהאבענסטע די בערנינפטיגסטע. ווער פון אונז ביידן האט רעכט דאס ווייסט נאר גאט אליין און ווייל מיר ווייסן עס נישט דארף יעדער איינער פון אונז בלייבן ביי זיין גלויבן און נישט שטערן דעם אנדערן און איך בעט דיך מיין הערר און קעניג מיך נישט צו צווינגען! דו ווייסט וואס פאר א געטרייען באדינער איך בין פאר דיר. איך בין גרייט אלעס צו טוהן וואס דו וועסט מיר באפעלן אבער וואס עס איז שייך צו מיין גלויבן קען איך דיר נישט פאלגן!
דער ענטפער פון רבינו גרשם האט שטארק געבאדערט דעם קעניג אבער ער האט פארבארגן זיין כעס און געהייסן רבינו גרשם ווארטן אין א צווייטן צימער ביז די קאנפערענץ וועט זיך ענדיגן.
- אלזא מיינע העררען - האט זיך דער קעניג אנגערופן בלייבט אונז קיין נישט אנדערע וועג ווי נאר איהם צו באצאלן מיט א גרויס סומע געלט און איך בעט אייך צו באשטימען די סומע.
ביז יעצט האט דער מיניסטער יאהאן געשוויגן. יעצט אבער האט ער שוין געזעהן אז דער קעניג איז מיט זיין בלוטפיינד עטוואס אומצופרידן.
האט ער זיך אנגערופן - מאיעסטעט! געוויס פארדינט רבי גרשם באלוינט צו ווערן מיט א גרויסע סומע געלט. עס בלייבט נאר די פראגע אויב

ער האט שוין אליין נישט גענומען דעם שכר? ווער ווייס וויפיל פונט זילבער עס זענען ביי איהם געבליבן פון דעם זילבער וועלכן דער שאטצמייסטער האט איהם ארויסגעגעבן פון דיין שאטצקאמער?

- דאס קען נישט זיין! - האט דער קעניג געענטפערט - איך קען רבינו גרשם זייער גוט. ער וועט קיין פרעמדעס נישט נעמען!

- און גלויבסט דו מאיעסטעט - האט זיך דער מיטראפאליט אנגערופן - אז עס זענען דא אידן וואס האבן פיינט געלט?

- אה געוויס! און רבינו גרשם איז דער בעסטער באוייז דערצו. ווען ער וואלט ליב געהאט געלט וואלט ער ביי מיר גענומען די פופציג טויזענט דוקאטען מיט וועלכע איך האב איהם געוואלט באצאלן פאר דער קוראציע פון דער פרינצעסין טהעאדארא.

- אבער צו וואס טויג אונז די וויכוחים! - האט זיך יאהאן אנגערופן - עס איז אונז זייער לייכט צו איבערצייגן אויב ער האט גע'גנב'עט פון דעם זילבער אדער נישט.

- ווי אזוי?

- מיר קענען רעכענען וויפיל זילבער ער האט באקומען פון שאטצקאמער צו מאכן דעם זילבערנעם טהראן און דאן אפוועגן דעם טהראן.

- זייער גוט! - האט דער קעניג ארויסגערופן - מען זאל אפוועגן דעם טהראן און איר וועט אייך גלייך איבערצייגן אז אייער גאנצער חשד איז אומגערעכט.

- אבער אזא גרויסן שטוהל אפצוועגן - האט זיך דער שאטצמייסטער אפגערופן - מוז מען איהם צוברעכן אין שטיקער.

- ווי אזוי איהם אפצוועגן - האט דער קעניג געענטפערט - וועט אונז רבינו גרשם ווייזן אזא קינסטלער ווי ער קען אלעס! זאל מען איהם ארייגרופן!

ווי  נאר רבינו גרשם איז ווידער אריינגעקומען אין טהראן-זאל האט זיך דער קעניג צו איהם געווענדעט:

- הער אויס רבי - האט ער צו איהם געזאגט - עס ליגט אויף דיר דער חשד אז דו האסט גענומען מער זילבער וויפיל דו האסט פארברויכט פאר דעם טהראן איך פון מיין זייט וויל דאס נישט גלויבן אבער צו רייניגן זיך פון אזא חשד איינמאל פאר אלע מאל וואלט זייער גוט געוועזן אפצוועגן דעם טהראן. קענסט דו אונז נישט זאגן ווי אזוי זאל מען אפוועגן דעם טהראן און עס זאל איהם נישט שאדן?

- אה מיין ערהאבענער קעניג! - האט איהם רבינו גרשם מיט א טרויעריגע שטימע געענטפערט - פארדינט איך דען אזא ביטערן חשד נאכדעם ווי איך האב דיך ערליך און געטריי באדינט? האב איך דיר דען נישט פאראויס געזאגט אז פאר די ארבייטער קען איך דיר נישט גאראנטירן? איך האב פאר זיך פון דעם זילבער אפילו קיין איינציגן גראן נישט גענומען דאס שווער איך דיר ביי גאט אבער פאר די ארבייטער קען איך נישט שווערן. אויסערדעם מוזט דו וויסן אז יעדעס מעטאל ווען עס ווערט געשמאלצן פארלירט א געוויסן פראצענט פון איר פריערדיגן געוויכט.

- דאס זענען נאר פוסטע רייד! - האט זיך דער מיטראפאליט אפגערופן - ער קען זיין לוין נישט באקומען ביז מען וועט וויסן וויפיל זילבער ער האט פון שאטצקאמער באקומען און וויפיל ער האט געברויכט!

- אזוי בלייבט עס! - האט דער קעניג ארויסגערופן - דו מוזט אונז ווייזן ווי אזוי אפצוועגן דעם שטוהל אן דעם וואס מען זאל עס מוזען צוברעכן.

- דאס ווייס איך נישט מאיעסטעיט! - האט רבינו גרשם געענטפערט.

- דו ווייסט עס נישט? - האט דער קעניג אויסגעשריגן מיט כעס - דו וואס קיין וויסענשאפט איז פון דיר נישט פארבארגן? איך באפעל דיר רבי דו זאלסט אונז אין א אויגענבליקליך זאגן ווי אזוי אפצוועגן דעם שטוהל!

- קיין מענטש אין דער וועלט קען מיר נישט באפעלן צו זאגן דאס וואס איך ווייס נישט.

- און דו ווילסט נישט צו הערן צו מיין באפעל? גוט! יעצט הער מיין לעצטעס ווארט: דו וועסט פאר דיין ארבייט קיין פעני נישט באקומען ביז מיר וועלן אפוועגן דעם שטוהל. אין פאל אבער ווען מיר וועלן אפוועגן דעם שטוהל און מיר וועלן אויסגעפינען אז ער וועגט ווייניגער ווי דער געוויכט פון דעם זילבער וואס דו האסט באקומען פון דעם שאטצקאמער וועסט דו געשטעלט ווערן פאר א געריכט און דו וועסט פאראורטיילט ווערן צום טויט. דאס איז מיין לעצטעס ווארט יעצט קענסטו גיין!

טרויעריג און צובראכן איז רבינו גרשם ארויסגעגאנגען פון טהראן-זאל.

אויף מארגן האט שוין דער קעניג באזיל געלאזט צו זיך רופן די גרעסטע מייסטערס און קינסטלער פון קאנסטאנטינאפאל און זיי געהייסן מאכן אזא וואגשאל אז מען זאל קענען אפוועגן דעם שטוהל אן דעם וואס מען זאל עס מוזען צוברעכן.

וואכן און חדשים זענען פארגאנגען אן א שום ערפאלג. די מייסטער און די קינסטלער האבן שיעור געבראכן זייער קעפ טראכטענדיג און קלערנדיג און האבן אזא מין וואגשאל נישט געקענט אויסגעפינען.

## קאפיטעל 9

מיט גרויס אומגעדולד האט די פרינצעסין טהעאדארא געווארט אויף דעם באשלוס פון דער פארזאמלונג צוליב דעם וואס זי איז געווען זייער נייגעריג צו וויסן וועלכן לוין רבי גרשם וועט באקומען.

ענדליך האט זיך די טיר פון איר צימער געעפנט און איר פאטער דער קעניג איז צו איר אריינגעקומען.

זי האט איהם פארוואונדערט און איבערראשט אנגעקוקט. אויף זיין געזיכט איז געלעגן א וואלקן פון טיפן טרויער.

דו ביסט געוויס נייגעריג צו וויסן מיט וואס איך האב באלוינט דעם רבינו גרשם - האט ער צו איר געזאגט - איך קען דיר אזוי פיל זאגן מיין קינד אז איך האב איהם געוואלט מאכן פאר מיין וויצע-קעניג ווען ער וואלט איינגעשטימט איבערצוגיין צום קריסטענטהום אבער ער וויל נישט טוישן זיין גלויבן.

טהעאדארא: קענסט דו איהם דען נישט אנדערש באלוינען אז ער זאל קענען בלייבן ביי זיין גלויבן?

דער קעניג האט זיין קאפ טרויעריג ארונטערגעלאזט און האט נישט געענטפערט.

טהעאדארא: אלזא וואס פאר א לוין האסט דו פאר איהם באשטימט?

זיין לוין וועט זיין דער טויט! - האט דער קעניג מיט א געבראכענער שטימע געענטפערט.

טהעאדארא: דו טרייבסט שפאס ליבער פאטער!

- ניין מיין קינד! פון דעם זילבער וועלכן ער האט פון באקומען מיין שאטצקאמער צו מאכן דעם טהראן האט ער וואהרשיינליך גע'גנב'עט א גרויסע מאס און ער מוז באשטראפט ווערן מיט דעם טויט!

טהעאדארא: דו זאגסט "וואהרשיינליך" אלזא איז דאס נאר א חשד!

קעניג: יא מיין קינד נאר א חשד אבער דער חשד איז געבויט אויף א זיכערן פונדאמענט!

טהעאדארא: אהא! אזוי זיכער זייט איר שוין אז רבינו גרשם איז א גנב?

קעניג: עס שטייט איהם פריי זיך צו רייניגן פון די חשד דורכן זאגען ווי אזוי אפצוועגען דאס שטוהל אבער ער וויל עס נישט זאגן. געוויס ווייל ער האט מורא אז דורך דעם אפוועגן וועט זיך ארויסשטעלן קלאר און דייטליך אז ער האט פון דעם זילבער גע׳גנב׳עט.

די פרינצעסין טהעאדארא האט אין צארן אויפגעפלאמט.

וויי! וויי! - האט זי אונטער א שטראם הייסע טרערן אויסגערופן - דאס איז דיין קעניגליכער דאנק צו א מענטש וואס האט אונז אזוי פיל גוטעס געטוהן, א מענטש וואס איז אזוי פיל טעג און נעכט געזיצען ביי מיין קראנקן-בעט מיט דעם איינציגן וואונטש מיך צו ראטעווען פון טויט, א מענטש וואס האט גאנצע טעג און נעכט שווער און ביטער געארבייט צו פערטיגן פאר דיר דעם שענסטן טהראן פון דער וועלט! וויי איבער אזא פארדארבענע וועלט אין וועלכער דער ערליכער מענטש באקומט פאר זיין מיה און פאר זיין ערליכקייט נאר א שטריק אויפ׳ן האלז אדער א שווערד אין דער ברוסט! אין אזא וועלט וויל איך בעסער נישט לעבן!

בארואיג דיך מיין קינד! - האט זיך דער קעניג אפגערופן - אזוי ווייט וועט עס נישט קומען, אין לעצטן מאמענט וועל איך איהם שיצן. ער האט באקומען פון מיר א רינג ער דארף מיר נאר ווייזן דעם רינג און איך וועל איהם נעמען אונטער מיין שוטץ.

דער קעניג האט איר אלע איינצלהייטן דערציילט און האט איר אויך ערקלערט אז ער אליין שטייט אויף רבינו גרשם׳ס זייט און דאס האט בארואיגט די גוטע פרינצעסין

ווי נאר רבינו גרשם איז אהיים געקומען פונעם קעניגליכן פאלאץ האט ער דערציילט זיינע צוויי ווייבער אין וואס פאר א סכנה ער געפינט זיך און דאס האט אויף דבורה׳ן געמאכט א טיפן איינדרוק. דער געדאנקען אז זי קען איר געליבטן מאן פארלירן דורך א פאלשן בלבול איז איר געווען ביטערער פון דעם טויט.

אבער מעליטטא האט זיך זייער געפרייט איבער זיין מצב און האט איהם אנגעהויבן צו רופן "שלימעזאלניק". עס האט איר שטארק געקרענקט אז איר מאן האט זיך אנטזאגט פון אזא הויכן פאסטן צוליב זיין רעליגיאן, א פאסטן וואס וואלט איר די טירן פון קעניגליכן פאלאץ געעפנט און וואלט איר געמאכט פאר איינע פון די גרעסטע פרינצעסין

איך זעה שוין - האט זי ביי זיך געטראכט — ווי לאנג איך וועל זיין ווייב זיין וועל איך בלייבן א פראסטע אידישע ווייבל אן א שום נאמען און אן א שום ווערט אויף דער וועלט. ווי גוט וואלט מיר געווען ווען איך וואלט געווארען א מיניסטער! אבער ווי מיר שיינט איז יעצט אויך נאך נישט צו שפעט דערצו!

דער אנטיסעמיט יאהאן האט אויפגעגעבן אלע זיינע האפנונגען זיין בלוט-פיינד צו פארניכטן דעם רבי גרשם. ער האט ענדליך איינגעזעהן אז ער קען איהם נישט בייקומען. ער האט געוואוסט אז דער קעניג באזיל האט איהם געשענקט זיין רינג און אז עס וועט זיך שוין יא געפינען א מייסטער וואס וועט אפוועגן דעם שטוהל און עס וועט זיך ווירקליך ארויסווייזן אז ער האט פון דעם זילבער גע׳גנב׳עט און מען וועט איהם צום טויט פאראורטיילן וועט רבינו גרשם געוויס קומען צום קעניג און איהם ווייזן דעם רינג און וועט דורך דעם ניצול ווערן אזוי ווי דער קעניג האט איהם צוגעזאגט.

עס בלייבט נאר איין מיטל אוועקצונעמען דאס רינג  פון איהם. אבער ווי אזוי?

א לאנגע צייט האט ער זיך געבראכן קאפ וועגן דעם טראכטענדיג און האט גאר נישט געקענט אויסגעפינען.

פלוצלונג איז איהם איינגעפאלן א נייער פלאן.

אזוי קען עס גיין! - האט ער צו זיך געזאגט - דורך מיין פלימעניק מיחאיל קען איך באקומען דעם רינג און ווי נאר איך באקום דאס רינג איז רבינו גרשם פארלוירן

ער האט גלייך געשיקט רופן זיין פלימעניק מיחאיל און האט איהם ערקלערט זיין פלאן.

אה דאס איז א קלייניגקייט! - האט מיחאיל אויסגערופן - אין א קורצער צייט ברענג איך דיר דעם רינג.

- אבער ווי אזוי?

מיחאיל: מעליטטא וועט מיר פארשאפן דעם רינג!

מיחאיל: איך גיי שוין פעטער אבער איין פונקט איז מיר נאך נישט קלאר: צו וואס טויג אייך דער רינג ווען די שולד פון דעם רבינו גרשם איז נאך נישט באוויזן און ווי לאנג מען האט נאך נישט אויסגעפונען א מיטל ווי אזוי דעם שטוהל אפצוועגן קען מען דאך זיין שולד נישט באווייזן!

וועגן דעם איז שוין געזארגט - האט יאהאן געענטפערט - דער קעניג האט געשיקט רופן דעם גרויסן קינסטלער באזיליקוס פון א טהען און האט איהם געגעבן דעם אויפטראג אפצוועגן דעם שטוהל און גלייך ווי דאס וועט איהם געלינגען וועט באוויזן ווערן דעם אידענס שולד קלאר און דייטליך. ער וועט פאראורטיילט ווערן צום טויט און נישט האבנדיג דעם רינג איז ער פארלוירן.

מיחאיל האט אויפגעזוכט  מעליטטא און האט מיט איר אנגעקניפט א געשפרעך וועגן זייער צוקונפט.

גלויבסט דו ווירקליך - האט זי איהם געפרעגט - אז איך קען ווערן איינער פון די הויכע פרינצעסין?

דער זיסער מאמענט איז שוין גאנץ נאנט! - האט ער געענטפערט - קוים וועט דער קינסטלער באזיליקוס אפוועגן דעם שטוהל און באווייזן אז דיין מאן האט פונעם זילבער גע׳גנב׳עט וועט ער שטארבן אלס פארברעכער און דו וועסט זיין פריי.

מעליטטא: דו פארגעסט אבער אז ער האט א רינג פונעם קעניג און דאס רינג קען איהם נאך אין לעצטן מאמענט ראטעווען דאס לעבן.

מיחאיל: האסט דו אפשר געזעהן דעם רינג?

מעליטטא: איך זע דאס שטענדיק ער טראגט דאס אויף זיין פינגער.

מיחאיל: קענסט דו דאס אפשר באקומען?

מעליטטא: זייער לייכט! ביי אונז אידן איז דער דין ארפצונעמען די רינגען פון די פינגער ווען מען וואשט זיך די הענט און דעמאלס קען איך דאס צונעמען.

מיחאיל: און ווילסט דו דאס טוהן?

מעליטטא: איך מוז עס טוהן; עס האנדלט זיך דאך וועגן מיין גליק!

מיחאיל: אלזא טו עס וואס גיכער

אויף דעם אנדערן טאג ווי נאר רבינו גרשם איז געגאנגען זיך וואשן די הענט צום עסן האט ער ארונטערגענומען דעם רינג פון זיין פינגער אראפלייגענדיג דאס אויף א קליין טישל לעבן זיך. אין צימער איז בלויז געווען מעליטטא דבורה אבער איז געווען באשעפטיגט אין קיך צוגרייטן דאס עסן. מעליטטא האט באלד צוגענומען דעם רינג אן דעם וואס רבינו גרשם זאל דאס באמערקן.

רבינו גרשם האט זיך געזעצט צום טיש מיט זיינע צוויי ווייבער און וועגן דעם רינג האט ער אינגאנצן פארגעסן. עס איז איהם איבערהויפט אין די לעצטע טעג קיין זאך נישט געלעגן אין זינען, צוליב דעם וואס זיין קאפ איז געווען פול מיט שווערע זארגן וועגן דער צוקונפט.

אויך די גוטע דבורה איז אין די לעצטע טעג געווען זייער טרויעריג און באקימערט. זי האט געוואוסט וועלכע סכנה עס שוועבט איבער רבי גרשם'ן איר געליבטן מאן און דאס האט איהר אין גאנצן צעבראכן.

נאך א געגענשטאנד האט איר דאס לעבן פארגיפטעט: זי האט געוואוסט מעליטטא'ס שלעכטע אויפפירונג איר כסדר געשפערעכונג צו מיט דעם יונגן גארדיסט מיחאיל אבער זי האט געמוזט שווייגן.

ווען איך זאל איהם דאס אויסזאגן - האט זי צו זיך געזאגט - וועט ער נעבעך נאך מער ליידן.

ערשט פארנאכטס האט רבינו גרשם באמערקט אז דעם קעניגס רינג פעלט איהם זיין פינגער. ער האט דאס איבעראל געזוכט און האט דאס נישט געקענט געפינען. אויך דבורה און מעליטטא האבן דאס געזוכט אבער מיט דעם זעלביגן רעזולטאט.

ווי פון בליץ געטראפן איז רבינו גרשם געפאלן אויף א שטוהל און האט אויסגעגאסן זיין הארץ אין ביטערע קלאגן ער האט געוואוסט וואס עס שטייט פאר איהם ווען דער רינג זיין איינציגער רעטונגס-מיטל מען קען נישט געפינען

ביידע ווייבער האבן געזוכט אין אלע ווינקעלעך מעליטטא האט נאך מער פלייס ארויסגעוויזןביים זוכן און צום סוף האט זי ערקלערט אז דער רינג איז געוויס גע'גנב'עט געווארן.

דאן האט זיך שוין דבורה נישט געקענט איינהאלטן. א שווערער געדאנקען איז איר געלעגן ווי א שטיין אויף דער אקסעל און האט איר געדריקט צום טויט.

מעליטטא! - האט זי אויסגערופן - זאלסט נישט האבן אויף מיר קיין פאראיבעל ווען איך וועל דיך פרעגן וואוהין דו גייסט טאג טעגליך אויף א פאר שעה?

און ווער ביזט דו דאס וואס דו וואגסט מיך צו פרעגן? - האט איר מעליטטא מיט גרויס חוצפה צוריק געפרעגט - דארף איך דיר דען אפגעבן א רעכנונג וואס איך טוה?

און פון דעסטוועגן וועל איך דיר זאגן וואוהין איך גיי יעדע טאג - האט מעליטטא זיך אפגערופן - איך באזוך יעדן טאג מיין יוגענד-פריינדין צפורה די ווייב פון ר' אפרים דעם זיידן-הענדלער.

דאס איז נישט אמת! - האט זיך דבורה אפגערופן - היינט ווען איך בין געגאנגען אויף דעם מארק עפעס איינצוקויפן האב איך מיך באגעגענט מיט צפורה'ן אפרים'ס ווייב און זי האט מיר געזאגט אז זי האט דיך שוין נישט געזעהן א לאנגע צייט.

וואס איז דאס? - האט מעליטטא אויסגערופן פלאמענדיג פאר כעס - ווער האט דיר געגעבן רעכט צו ציילן מיינע טריט? איך האב טאקע געהאט א טעות צפורה'ן האב איך טאקע שוין א לאנגע צייט נישט באזוכט אבער אויסער צפורה'ן האב איך נאך אנדערע באקאנטע און צו זיי גיי איך אבער זאג מיר נאר וואס ווילסט דו פון מיר? וואס קימערט דיך דען מיין גיין און שטיין? איך ווייס דו זוכסט עפעס אויף מיר? דו ביזט מיר מקנא? עס קרענקט דיך אין הארצן אז מיין מאן איז געטריי צו מיך.

און ביי די ווערטער האט זי אויסגעבראכן אין א גרויס געוויין.

דבורה! - האט זיך רבינו גרשם אויף זיין ערשטע ווייב אנגעבייזערט - אזוי האלטסט דו דיין הבטחה וואס דו האסט מיר צוגעזאגט ווען דו האסט מיך צוגערעדט צו נעמען א צווייטע פרוי? האב איך דען נאך ווייניג צרות און שמערצן אז דו מאכסט מיר ענג מיין הויז מיט קריג און צאנקערייען?

דבורה האט געלאזט איר קאפ ארונטערזינקען און האט געשוויגן. זי האט איר מאן נישט געוואלט מצער זיין און האט מער נישט גערעדט.

זי האט זיך אבער פארגענימען נאך מער נאכצושפיאנירן מעליטטא'ן צוליב דעם וואס איין אינערליכע שטימע האט איר געזאגט אז די יונגע מעליטטא איז צו איר מאן נישט געטריי.

איך אליין - האט זי צו זיך געזאגט - איך אליין בין שולדיג אין זיין אומגליק צוליב דעם וואס איך האב איהם צוגערעדט מיט איר חתונה צו האבן אבער מיין איינציגע לעבנס-אויפגאבע איז מיין אומגליקליכן מאן צו שיטצן פון יעדע געפאר און די פאלשע מאסקע פון איר געזיכט ארונטערצורייסן.

## קאפיטעל 10

דער צורר היהודים יאהאן האט זיך בלויז א קורצע צייט געפרייט מיט זיין באלדיגן נצחון איבער זיין בלוט-פיינד רבי גרשם צוליב דעם וואס עטליכע טעג נאכדעם ווי דער געלעהרטער באזיליקוס פון אטהען איז געקומען קיין קאנסטאנטינאפאל און האט אונטערזוכט דעם קעניגליכן טהראן האט ער ערקלערט דעם קעניג אז נישט צוברעכענדיג דעם שטוהל אויף שטיקלעך איז גאר נישטא קיין מעגליכקייט צו באשטימען זיין געוויכט דורך א וואג.

- וואס האב איך אויסגעפירט? - האט דער אנטיסעמיט געיאמערט - אלע מיינע מאטערניס זענען אומזיסט איך וועל מיין פיינד נישט בייקומען צו וואס טויג מיר יעצט דער רינג ווען רבינו גרשם'ס שולד קען נישט באוויזן ווערן?

נאך לאנגען טראכטן איז ער געקומען צו דעם איבערצייגונג אז דעם סוד ווי אזוי אפצוועגן דעם שטוהל ווייסט נאר רבינו גרשם אליין אבער ער וועט דעם סוד נישט אויסזאגן פאר קיין מענטש אויף דער וועלט.

ווי קריגט מען דעם סוד פון איהם ארויס?

און אזוי טראכטענדיג איז ער ווידער געקומען אויף א גוטן איינפאל.

די אומגטרייע ווייב מעליטטא! זי האט גע'גנב'עט דעם רינג ביי איר מאן זי וועט אויך באקומען ביי איהם דעם סוד

נאך אין דעם זעלבן טאג האט יאהאן געלאזט רופן זיין פלימעניק מיחאיל און האט איהם געגעבן געוויסע אינסטרוקציאנען ווי אזוי זי זאל צורעדן מעליטטא'ן ארויס צובאקומען די רינג פון איר מאן.

עטליכע טעג שפעטער ביי נאכט אין די צייט ווען רבינו גרשם איז געזעסן איינער אליין אין זיין צימער און האט ווי שטענדיג געלערנט האט ער פלוצלונג דערהערט א שווערן זיפץ.

ער האט זיך אומגעקוקט פון ווי דאס זיפץ קומט האט ער נישט מער און נישט ווייניגער דערזעהן מעליטטא שטיין לעבן איהם.

- דו ביזט עס מעליטטא? - האט ער אויסגערופן - פארוואס גייסט דו נישט שלאפן און פארוואס זיפצט דו אזוי שווער?

- עס איז מיר ביטער אויפ'ן הארצן מיין ליבער מאן - האט די פאלשע געענטפערט אויסברעכענדיג אין טרערן - איך פיל אז איך בין פארלוירן!

- גאט איז מיט דיר מעליטטא! - האט רבינו גרשם אויסגערופן מיט שרעק און האט צוגעמאכט דעם ספר - וואס פעלט דיר דען?

- וואס פעלט מיר? מיר פעלט אלעס אין דער וועלט! איך האב נישט א פאטער נישט א מוטער נישט א ברודער און נישט א שוועסטער עלענד בין איך ווי א שטיין אין וואסער!

רבינו גרשם: און איך דיין מאן?

- אויך דיך האב איך פארלוירן? - האט די פאלשע מיט פאלשע טרערן אין אירע אויגן געיאמערט - דבורה האט א בייזן חשד אויף מיר ארויפגעווארפן אז איך וויל דיר אומברענגן.

רבינו גרשם: דו האסט נישט וואס מורא צו האבן מיין קינד! דו ווייסט זייער גוט ווי גרויס מיין געטריישאפט איז צו דיר און ווי שטארק איך שעץ דיר.

מעליטטא: ניין עס איז נישט אמת! דו האסט נישט קיין געטריישאפט צו מיר!

רבינו גרשם: ווי קענסט דו דאס זאגן מעליטטא! האסט דו דען קיינמאל זיך נישט איבערצייגט אין מיין געטריישאפט צו דיר?

מעליטטא: קיין איינציגן מאל! דו האסט מיר נאך נישט געגעבן קיין איינציגן באוויז אז דו ביסט געטריי צו מיר און דיר שעצט מיר!

רבינו גרשם: פארלאנג וועלכן באוויז דו ווילסט, איך וועל עס דיר געבן אין א אויגען בליק!

מעליטטא: דער בעסטער באוויז וועט זיין אז דו זאלסט געבן א גט פאר מיין פיינדין דבורה!

מיט טויט-שרעקעניש האט רבינו גרשם אנגעקוקט מעליטטא.

דאס פארלאנגסט דו פון מיר? - האט ער אויסגערופן - איך זאל באגיין אזא זינד? ניין דאס קען איך נישט טוהן! עס איז אמת אז דבורה האט אויף דיר גערעדט שלעכטעס דבורה איז מיין ערשטע פרוי און איז איינע פון די בעסטע אידישע טעכטער!

מעליטטא: די "בעסטע"! און איך האב ביי דיר גאר נישט קיין ווערד! וואס טויג מיר מיין לעבן? זי וועט מיך אייביג אויספייניגען זי וועט מיך מאטערן ביז טויט און דיר וועט דאס גארנישט קימערן!

רבינו גרשם: מעליטטא! הער אויף צו רעדן אזעלכע נארישקייטן איך קען דבורה'ן נישט גט'ן איך קען דיר געבן וואס דו ווילסט נאר וועגן א גט זאלסט דו מיט מיר קיינמאל נישט רעדן!

מעליטטא האט איינגעזעהן אז אויף דעם אופן וועט זי צו איר ציל נישט קומען און האט זיך פארגענומען איר מאן צו אטאקערן פון אנ'אנדער זייט.

גוט מיין ליבער מאן! - האט זי אויסגערופן - איך וועל דיך פאלגן און וועל פון דיר דאס נישט פארלאנגען אז דו זאלסט געבן א גט פאר דבורה. אייגענטליך צו וואס דארף איך דאס? ווייס איך דען נישט אז דו ביסט געטריי צו מיר און וואס איך פארלאנג פון דיר געבסט דיר מיר נאך? וואס איך וויל איז אז דיין צוטרויען צו מיר זאל אזוי גרויס זיין ווי דיין געטריישאפט צו מיר דאן וועל איך זיין די גליקליכסטע אויף דער וועלט!

זיי זענען געזיצען שטיל אינעם צימער פאר עטליכע מינוט דערנאך האט זי איהם פלוצלונג א פרעג געטוהן:

האסט דו געהערט אז באזיליקוס פון אטהען האט ערקלערט פאר דער קעניג אז ער קען נישט אויסגעפינען אזא וואגשאל מיט וועלכן מען זאל קענען אפוועגן דעם טהראן?

רבינו גרשם: אטהען איז פארצייטן געווען די שטאט וואו עס האבן געלעבט די גרעסטע געלעהרטע - האט רבינו גרשם געענטפערט - אין היינטיגער צייט געפינט זיך נישט אין אטהען אזעלכע געלעהרטע און חכמים.

מעליטטא: און דו וואלסט געקענט מאכן אזא וואגשאל?

רבינו גרשם: דאס איז אין גאנצן איבעריג מען קען דעם טהראן אפוועגן אן א וואגשאל.

מעליטטא: אה! דו ווילסט מיר זאגן ווי אזוי?

אבער רבינו גרשם האט שוין חרטה געהאט אויף זיינע רייד און האט געענטפערט:

רבינו גרשם: ניין מעליטטא! דאס ווייס איך נישט.

מעליטטא: מיין טייערע מאן! איך זעה אז דו ווייסט ווי אזוי אפצווועגן דאס וואגשאל און פארוואס ווילסט דו דאס מיר נישט זאגן? זעסט ווי וויניג צוטרויען דו האסט צו מיר אז אפילו אזא קלייניגקייט ווילסט דו מיר נישט זאגן!

ביי די ווערטער האט זי אנגעהויבן צו וויינען.

רבינו גרשם: הער אויף צו וויינען מעליטטא דו צוברעכסט מיר מיין הארץ! איך וואלט עס דיר געוויס געזאגט ווען איך וואלט עס געוואוסט!

מעליטטא: דו ווייסט עס! דו ווייסט אלעס דו ביזט געלעהרטער פון זיי אלעמען זאג מיר צום ווייניגסטענס אז דו ווייסט עס!

רבינו גרשם: נו יא איך ווייס עס אבער איך וויל דאס פאר קיינעם נישט זאגן ווייל איך קען דורך דעם אריינפאלן אין דעם גרעסטן אומגליק. איך בעט דיך מעליטטא זאג נישט פאר קיינעם אז איך ווייס צוליב דעם וואס איך האב זייער פיל שונאים וואס זוכן גאר א געלעגענהייט מיך צו מאכן אומגליקליך.

מעליטטא: און דו גלויבסט אז איך וועל עמיצן אויסזאגן דיין סוד?

רבינו גרשם: ניין נישט דאס אבער דו קענסט עס נאך אונפארזיכטיגערהייט ארויסרעדן.

מעליטטא : יעצט זעה איך טאקע אז דו געטרויעסט מיר נישט!

רבינו גרשם: דו מאטערסט מיך מעליטטא! דו פלאגסט מיך גאר אומזיסט! וואס וועסט דו האבן דערפון אז דו וועסט שוין וויסן ווי אזוי מען קען דעם טהראן אפוועגן?

מעליטטא: דאס וועט מיר דינען אלס באוויז אז דו האסט צוטרויען צו מיר. אבער מיט דעם וואס די ווילסט דאס נישט אנדעקן פאר מיר זעה איך אז איך האב נישט קיין צוטרויען צו דיר בלויז דבורה זי פארמאגט יא צוטרוי צו דיר און דעריבער האב איך נישט וואס צו זוכן ביי דיר און געב מיר א גט און איך וועל חתונה האבן מיט א צווייטע וואס פארמאגט יא צוטרויען צו מיר!

אזוי וויינענדיג איז זי אויפגעשטאנען פון איר פלאץ און האט זיך געלאזט גיין צום טיר.

מעליטטא! מיין טייערע מעליטטא! - האט רבי גרשם אין גאנצן באזיגט און צובראכן אויסגערופן - דו ווייסט אז איך קען נישט לעבן אן דיר! בלייב און בארואיג דיך! איך וועל עס דיר זאגן אבער ניין איך וועל דאס דיר נישט זאגן! איך קען נישט איך האב מורא דיר צו זאגן.

מעליטטא: פארוואס קענסט דו נישט? פאר וועמען האסט דו מורא? און ווער לאזט דיך נישט?

רבינו גרשם: הער מיך צו וועל איך דיר דערציילן פון א מעשה וואס עס האט פאסירט אין די צייטן פון שלמה המלך

"שלמה המלך וועלכער איז געוועזן קליגער פון אלע מענטשן האט אויך געקענט און פארשטאנען די שפראך  פון חיות און בהמות אויך דאס צוויטשערן פון פויגלען.

איין מאל האט שלמה המלך געוואלט טוהן א  חסד מיט זיין געטרייע באדינער אלימלך און איהם שענקען גאלד זילבער און ווי אויך גרויסע פעלדער אלימלך אבער האט גאר נישט געוואלט נעמען און האט זיך אנגערופן:

- ליבער הערר קעניג! שענק מיר נישט קיין גאלד און זילבער אדער פעלדער א דאנק גאט פעלט מיר גארנישט; נאר אויב דו ווילסט מיט מיר טוהן גוטס לערן מיך אויס צו פארשטיין די שפראך פון די חיות און בהמות ווי אויך דאס צוויטשערן פון די פויגלען צוליב דעם וואס דערצו גלוסט איך שוין פון לאנג און ווי לאנג איך וועל לעבן וועל איך דיר נישט פארגעסן די טובה וואס דיר וועסט האבן געטוהן צו מיר.

איך וועל ערפילן דיין וואונטש - האט דער קעניג איהם געענטפערט.

אבער וויסן זאלסט דו אז אויב דו וועסט אויסזאגן דעם סוד פאר א צווייטן מענטש עס מעג זיין א מאנספערזאן אדער א פרוי דאן וועסט דו מוזן שטארבן.

- איך וועל היטן דיין באפעל הערר קעניג ! און איך וועל דעם סוד קיינעם נישט אויסזאגן.

דער קעניג שלמה האט איהם געלערנט די שפראך פון די חיות און בהמות און ווי אויך דאס צוויטשערן פון די פויגלען. אלימלך האט זיך דערמיט זייער געפרייט און האט געדאנקט דעם קעניג פאר זיין גוטס וואס ער האט מיט איהם געטוהן און אוועק צו זיך אהיים דארט האט ער חתונה געהאט מיט א פרוי און האט מיט איר געלעבט א גליקליך און א צופרידן לעבן.

איין מאל איז אלימלך געזעסן מיט זיין ווייב ביי זיך אין פעלד איז אנגעקומען דער אקס פון די פעלד-ארבייט. דער קנעכט האט איהם ארייגעפירט אין שטאל אריין און האט איהם אנידערגעשטעלט נעבן דעם אייזל וועלכער איז דארטן געשטאנען א גאנצן טאג ווייל ער איז געוועזן קראנק. הערט אלימלך ווי דער אקס מיט׳ן אייזל פארן א שמועס צווישן זיך :

- וואס מאכסט דו ברודער ? - האט געפרעגט דער אייזל דעם אקס.

- אך ! נישט גוט ! - ענטפערט דער אקס - א גאנצן טאג האב איך זיך אנגעליטן צרות אן א שיעור ; מען האט אויף מיר ארויפגעלייגט שווערע לאסט אז איך בין כמעט אנידערגעפאלן און דער קנעכט האט מיך געשאלטן מיט טויטע קללות אדער ער האט פון מיר געלאכט און מיך נאך געשלאגן.

- הער צו ! - האט זיך אנגערופן דער אייזל - איך וועל דיר געבן א עצה וואס וועט דיר דיך ראטעווען : מאך זיך קראנק און כדי אונזער בעל הבית זאל גלויבן אז דו ביסט טאקע נישט געזונט זאלסט דו נישט עסן א גאנצע נאכט ; דאן וועט אונזער בעל הבית זעהן אז דו ביסט קראנק און שוואך וועט מען פון דיר אראפנעמען די שווערע ארבייט און דו וועסט זיך קענען אויסרוען. איך האב פאריגע נאכט אויך אזוי געטוהן דעריבער בין איך היינטיגן טאג געבליבן אין שטאל און נישט געגאנגען ארבייטן אין פעלד.

פאר דעם אקס איז געפעלן דעם אייזלס רייד און האט צו איהם געזאגט : ״דיין עצה איז א גאנץ גוטע און איך וועל אזוי טוהן״.

אלימלך האט זיך איינגעהערט זייער שמועס און האט אנגעהויבן לאכן. פרעגט איהם זיין ווייב ״וואס לאכסט דו ?״ האט ער איר געענטפערט ״איך האב זיך דערמאנט א וויץ וואס איך האב שוין לאנג צוריק געהערט דעריבער האב איך אנגעהויבן צו לאכן״.

אין דער פריה ווען מען האט געזעהן אז דער אקס שפירט זיך נישט גוט און וויל נישט גיין ארבייטען האט אלימלך זיך אנגערופן צו זיין קנעכט :

- דער אקס ווייזט אויס איז קראנק און האט נישט קיין כח צו ארבייטן נעם שפאן איין דעם אייזל זאל ער ארבייטן היינט דאפעלט  ער האט זיך נעכטן גוט אויסגערוהט אין שטאל קען ער היינט ארבייטן אויך פאר׳ן אקס.

דער קנעכט האט אזוי געטוהן ווי אלימלך זיין הערר האט געהייסן. ביי נאכט ווען דער אייזל איז צוריקגעקומען מיד פון פעלד פרעגט איהם דער אקס וואס ער מאכט.

- איך פיל אז איך פארמאג נישט א גאנצע גליד אין מיר - האט איהם דער אייזל געענטפערט. איך וויל דיר אבער דערציילן א זאך וואס גייט דיך אן, איך האב געהערט ווי דער בעל הבית מיט דעם קנעכט האבן צווישן זיך געשמועסט אז אויב דער אקס וועט נישט באלד געזונט ווערן וועלן מיר איהם שעכטן כדי מיר זאלן איהם קענען עסן, ארבייטען קען ער נישט לאמיר כאטש הנאה האבן פון זיין פלייש.

אלימלך האט אויך דאס מאל אונטערגעהערט דעם שמועס האט ער ווייטער אנגעהויבן לאכן.

- יעצט וועל איך דיך שוין נישט אפלאזן ! - האט איהם זיין ווייב וועלכע האט זיך געוואונדערט איבער זיין לאכן זיך אנגערופן צו איהם - דו מוזט מיר שוין זאגן דעם אמת וואס דו האסט געלאכט נעכטן און היינט און וועסט מיר שוין נישט איינרעדן קיין אלטע זאכן.

- נו איך וועל דיר אויסזאגן דעם אמת - האט אלימלך זיך אפגערופן - איך האב זיך אונטערגעהערט די שמועסן פונעם אקס מיט דעם אייזל האב איך געלאכט.

- פון וואנען קענסט דו זייער שפראך ?

- דער קעניג שלמה האט מיך אויסגעלערנט.

- אזוי מיין טייערע מאן ! דו קענסט די וואונדערליכע חכמה און מיר דיין ווייב האסט דו גארנישט דערציילט ? איך בעט דיר לערן מיך אויך אויס די געטליכע וויסענשאפט.

- דאס קען איך נישט - האט אלימלך געענטפערט. - די גייסטער וועלכע זענען אונטערטעניג צו שלמה המלך וועלן מיך הרג׳נען.

אומזיסט האט זיך אלימלך געבעטן ביי זיין פרוי זי האט איהם אבער נישט אפגעלאזט און איהם געמאטערט ביז ער איז קראנק געווארן פון עגמת נפש און עס איז איהם מיאוס געווארן דאס לעבן. האט ער באשלאסן אויסצוזאגן דעם סוד פאר זיין ווייב נאר פריער האט ער גענומען טינט און א פעדער צו שרייבן א צוואה איידער ער וועט שטארבן אזוי ווי שלמה המלך האט איהם אנגעזאגט.

שטיל איז געוועזן אין שטוב. אלע הויז-מענטשן זענען ארומגעגאנגען פארטרויערט זיי האבן געזעהן אז דער בעל הבית האלט ביי׳ם שטארבן מיט אמאל דערהערט אלימלך א גערודער אין הויף ער קוקט ארויס אויפ׳ן הויף זעט ער ווי דער הונד קריגט זיך מיט׳ן האן. די אורזאכע איז געוועזען : דער הונד איז געלעגן רואיג ביי זיין ביידעל ער האט אויך געטרויערט אויף דעם בעל הבית וואס האלט ביי׳ם שטארבן ; דא איז אנגעקומען דער האהן אין הויף אריין פרייליך און לוסטיג מיט זיינע פיל פרויען-היהנער און האט זיך גאנץ הילכיג ווי זיין שטייגער איז א געשריי געטוהן : ״קוקוריקו !״.

- ״דו אונפארשעמטער״ ! - האט זיך דער הונד אנגעבייזערט אויף דעם האן - ״זעסט דו דען נישט אז אונזער ארענטליכער בעל-הבית האלט ביי׳ם שטארבן און דיך ארט דאס גארנישט און דו ביסט לעבעדיג לוסטיג און פריילך״.

״זאל איך מיר נעמען צום הארצן״ האט דער האהן געענטפערט ״וואס דער נאר מאכט זיך דעם טויט אבי צוליב טוהן זיין ווייב ? זעה, איך פארמאג אויך א ווייב און קינדער און קיינע ערדרייסטעט זיך נישט צו ווידערשפעניגן געגן מיר און נישט צו פאלגן וואס איך זאג ; און ווער שמועסט נאך זיי זאלן אויף מיר וועלן הערשן דערפון פאלט זיי גארנישט איין. און אונזער בעל-הבית דער נאר האט א פרוי און ער קען איבער איר נישט געוועלטיגן און גייט שטארבן ווייל די ווייב וויל אזוי ! אויף אזא נאר איז נישטא קיין רחמנות !״

דער האן איז זיך פרייליך און מיט א ״קוקוריקו !״ ארויס פון הויף אזוי ווי ער איז געקומען און זיין ווייב און קינדער זענען מיט איהם מיטגעגאנגען.

אלימלך האט זיך איינגעהערט דעם האן׳ס רייד איז ער ביי זיך פעסט געווארן ער האט צוריסן דעם פאפיר אויף וועלכן ער האט אנגעהויבן שרייבן זיין צוואה און ווען זיין ווייב האט איהם ווייטער אנגעהויבן דאקוטשען ער זאל איר אויסלערנען די שפראך  פון חיות בהמות און פויגל האט ער גענומען א שטעקן און איר גוט אנגעבראכן דיביינער ביז זי האט איהם שוין אפגעלאזט און זיי האבן זיך נאך דעם ווייטער געלעבט גליקליך און צופרידן און דער סוד איז מיט אלימלך׳ן צוזאמען געשטארבן״.

- איך פארשטיי וואס דו מיינסט - האט זיך מעליטא אפגערופן ווען רבינו גרשם האט געענדיגט זיין מעשה - די האלסט אז ווען די וועסט אויסזאגען די סוד פאר מיר וועל איך דאס זאגן ווייטער און דורך דעם וועסטו שטרבן אבער איך וויל נישט דיין טויט איך וויל נאר וויסן אז דו

האסט צוטרויען צו מיר - איך זעה אבער אז דו האסט מורא אז איך וועל אויסזאגן דיין סוד - ווען דו וואלסט מיך באמת געוועןגעטריי צו מיר וואלסט דו גארנישט געקלערט אז איך וועל ברעכן מיין צוטרוי צו דיר.

רבינו גרשם האט שוין נישט געקענט מער אויסהאלטן און האט זיך אפגערופן: נו איך וועל עס דיר זאגן אבער היט דיין צונג מיין לעבן מיין גליק און מיין צוקונפט הענגט אפ פון די סוד.

מעליטטא: זיי רואיג מיין טייערער! פון מיר וועט קיין מענטש דאס נישט ערפאהרען ווייל דיין לעבן איז מיר טייערער פון מיין אייגענעם לעבן!

רבינו גרשם האט איר אויסגעזאגט דער סוד און האט דערביי גאר נישט געוואוסט אז ער האט מיט דעם זיין לעבן איבערגעגעבן אין די הענט פון א פאלשע פרוי

## קאפיטעל 11

דריי טעג שפעטער נאך דעם ווי רבינו גרשם האט אנטדעקט פאר מעליטטא׳ן דאס געהיימניס ווי אזוי אפצוועגן דעם טהראן איז ער געווארן ארעסטירט און אוועקגעזעצט אין א געפענגניש און נאך אין דעם זעלביגן טאג האט מען איהם געשטעלט פאר א געריכט וואו דער מיניסטער יאהאן איז געוועזן דער פרעזידענט.

- הער אויס רבינו גרשם האט יאהאן צו איהם געזאגט - אויף דעם חשד אז דו האסט גענומען פון דעם קעניגליכן שאטצקאמער מער זילבער וויפיל דו האסט אין אמת׳ן געברויכט איז יעצט באקאנט געווארן אז דו האסט גע׳גנב׳עט דריי און א האלב צענטנער זילבער נאך מער האסט דו זיך פארזינדיגט מיט דעם וואס דו האסט ערקלערט אז דו ווייסט נישט ווי אזוי אפצוועגן דעם טהראן. דאס אליין איז שוין גענוג דיך צו פאראורטיילן צום טויט!

- איר קענט מיר נישט פאראורטיילן צום טויט- האט רבינו גרשם רואיג געענטפערט - איידער איר האט אפגעוואויגען דעם טהראן און איידער איר האט אייך איבערצייגט אז איך בין ווירקליך א גנב!

- אה! מיר האבן זיך שוין גענוג איבערצייגט מיר האבן שוין אפגעוואויגען דעם טהראן און מיר האבן עס געטוהן לויט דיין מעטהאדע. מיר האבן אוועקגעשטעלט א שיף אין וואסער און געמאכט א צייכן אין שיף ביי דעם פלאץ וואו דאס וואסער האט געגרייכט. דערנאך האבן מיר אויף דעם שיף אוועקגעשטעלט דעם טהראן און ווען די שיף איז נידריגער געווארן צוליב דער לאסט האבן מיר געמאכט א צווייטן צייכן. נאך דעם האבן מיר געלאזט דעם טהראן ארונטערנעמען און די שיף אנגעפילט מיט שטיינער ביז דעם צייכן וואס איז נאך דעם טהראן געמאכט געווארן. און דאן אלס מיר האבן די שטיינער אפגעוואויגען האבן מיר געפונען אז עס פעלן גאנצע דריי און א האלב צענטנער זילבער דאס הייסט: דו האסט פון שאטצקאמער דריי און א האלב צענטנער זילבער מער גענומען וויפיל דער טהראן וועגט. יעצט זאג מיר האבן מיר דען נישט ריכטיג געטוהן ווי דו האסט דיין ווייב געזאגט?

ווי פון א גיפטיגע שלאנג געביסן. איז רבינו גרשם פון זיין פלאץ אפגעשפרונגען און איז בלייך געווארן ווי א טויטער. דאס געדאנק אז זיין ווייב האט איהם פארראטהען איז איהם געוועזן שרעקליכער ווי דער טויט. ער האט זיין מויל געעפענט און האט זיך געוואלט פארטיידיגן אבער ער האט קיין איינציגעס ווארט נישט געקענט ארויסברענגען ווייל זיינע ליפן זענען געוועזן אזוי ווי פאראליזירט.

- דו שווייגסט? - האט יאהאן מיט פארבארגענע פריידע אויסגערופן - אלזא ביזט דו מודה אז דו ביזט שולדיג?

- ניין איך בין אומשולדיג! - האט רבינו גרשם געענטפערט ווען ער איז ענדליך צו זיך געקומען - אבער איידער איך וועל מיך פארטיידיגן וויל איך וויסן צי איז דאס אמת אז מיין ווייב מעליטטא האט אייך אנטדעקט דעם סוד?

יאהאן האט א וואונק געטוהן צו זיין פלימעניק מיהאיל וואס איז דאן געוועזן אין געריכט.

מיהאיל איז צוגעגאנגען צו רבינו גרשם און האט איהם אין אויער אריינגעשושקעט:

- אה! דו ווילסט א סימן? - האט דער לומפ לאכענדיג געענטפערט - גוט איך קען עס דיר געבן! ווילסט דו וויסן וואו דער רינג וועלכן דער קעניג האט דיר געשאנקען איז אהינגעקומען? ער איז ביי מיר! מעליטטא האט דאס פון דיר צוגענומען ווען דו האסט דאס רינג אויסגעטוהן אויף א ווייל און האט דאס מיר אוועקגעשענקט נו? וואס וועסט דו יעצט זאגן?

- ווילסט דו זיך יעצט מודה זיין אז דו ביזט שולדיג?

- איך בין אומשולדיג! - האט רבינו גרשם מיט א שוואכער שטימע געענטפערט - אויב עס איז ווירקליך גע׳גנב׳עט געווארן פון דעם זילבער האבן דאס מיינע ארבייטער געטוהן.

- און פארוואס האסט דו דעם קעניג נישט געוואלט זאגן ווי אזוי דעם טהראן אפצוועגן?

- איך האב נאר דערמיט געוואלט אויסמיידן דעם צארן פון מיינע פיינד!

- דאס איז נאר א פוסטער אויסרייד! דו ביזט א גנב! איך פאראורטייל דיך צום טויט! דו מוזט אויפגעהאנגען ווערן אויף א בוים אזוי ווי אלע גנבים!

- מיר זענען אלע מסכים צו דעם משפט! - האבן די איבריגע ריכטער אין איין קול אויסגערופן - ער מוז אויפגעהאנגען ווערן!

אויף א ווינק פון דעם מיניסטער יאהאן זענען צוויי געריכטס-דינער צוגעגאנגען צו רבינו גרשם האבן איהם געשמירט אין קייטן און האבן איהם צוריק אפגעפירט אין געפענגניש.

ווען יאהאן איז געקומען צום קעניג און האט איהם פארגעלייגט דעם אורטייל צום אונטערשרייבן האט דער קעניג נישט אונטערגעשריבן דעם דאקומענט.

- אזא טויט פארדינט ער נישט - האט דער קעניג געזאגט - מיר קענען איהם נאר באשטראפן אלס א פאליטישען פארברעכער און איך וועל שוין שפעטער אויסטראכטן עפעס א שטראף פאר איהם.

דער גוטער קעניג האט אין טיפן הארצן נישט געגלויבט אין רבינו גרשם׳ס שולד און האט איהם געוואלט געבן צייט צו באווייזן זיין אומשולד ווי אויך האט ער געהאפט אז רבינו גרשם וועט צו איהם קומען מיט דעם רינג אין דער האנט.

אבער יאהאן האט פארשטאנען דעם קעניג׳ס געדאנקען.

- אומזיסט איז דיין ווארטן טייערע קעניג! - האט ער געזאגט צום קעניג - ער האט שוין נישט דעם רינג געוויס האט ער דאס פארקויפט! וואס פאר א ווערד האט ביי א איד א קעניגליכער געשאנק? דו ביזט אזוי שטאלץ אויף דעם טהראן וועלכן ער האט פאר דיר געבויט אבער ווי לאנג וועט דער שטאלץ דויערן? בלייבט דער איד לעבן וועט ער אזעלכע טהראנען מאכן פאר אנדערע קעניג און קעניגען וואס טוט דען נישט א איד פאר געלט?

דאס האט אויף דעם קעניג געווירקט.

- דו ביזט גערעכט״- האט דער קעניג געענטפערט - ער מוז שטארבן! און מיט איהם וועט אויך זיין קונסט באגראבן ווערן!

נאך אין דעם זעלביגן טאג האט דער קעניג אונטערגעשריבן דעם אורטייל.

## קאפיטעל 12

טיף אונטער דער ערד אין א פינסטערן און א פייכטן קעלער מיט שווערע אייזערנע קייטן אויף די הענט און אויף די פיס איז רבינו גרשם געלעגן אויף זיין הארטן געלעגער פון אביסל שטרוי טאג און נאכט.

פאר דעם טויט האט ער זיך נישט געשראקען שפירענדיג אז וועט שפעטער געראטעוועט ווערן (ווי עס האט ווירקליך פאסירט).

הלואי זאל איך נאר קענען מודיע זיין דעם קעניג אז זיין רינג איז פון מיר אוועקגע׳גנב׳עט געווארן ! - האט ער ביי זיך געטראכט.

אין עטליכע טעג ארום איז דער וועכטער פון געפענגניש אריינגעקומען צו איהם און האט אראפגענומען די קייטן פון זיינע הענד און פיס.

- בין איך באפרייט ? - האט איהם רבינו גרשם האסטיג געפרעגט.

- ניין - האט דער וועכטער מיט א טרויעריגער מיענע געענטפערט - דער קעניג האט נאר די שטראף געטוישט. דו וועסט נישט באשטראפט ווערן אלס איינפאכער גנב נאר אלס פאליטישער פארברעכער !

רבינו גרשם: - און ווי ווערן אזעלכע פארברעכער באשטראפט ?

- מען זעצט זיי אריין אין א טהורם און מען לאזט זיי אזוי לאנג הונגערן ביז זיי שטארבן פון הונגער.

- אה מיין גאט ! האט רבינו גרשם שוידערנדיג אויסגערופן.

דער וועכטער האט איהם מיט רחמנות אנגעקוקט.

- ווילסט דו פאר מיר עפעס טוהן ? - האט איהם רבינו גרשם געפרעגט.

וועכטער: זייער גערן אויב עס איז נאר מעגליך.

רבינו גרשם : עס איז א קלייניגקייט ! דו דארפסט נאר דעם קעניג מעלדן אז דעם רינג וועלכן ער האט מיר אמאל געשענקט האט מען ביי מיר גע׳גנב׳עט !

וועכטער: אה דאס טאר איך נישט טוהן ! איך האב מורא פאר דעם מיניסטער יאהאן וואס וויל זעהן דיין טויט ער וועט דאס מיר נישט שענקען און וועט מיך פייניגען ביז׳ן טויט.

מיט די ווערטער איז דער וועכטער אוועקגעגאנגען.

אין מיטען די נאכט האט זיך די טיר פון קעלער ווידער געעפענט און דער מיטראפאליט פון קאנסטאנטינאפאל איז שטילערהייט אריינגעקומען אין געפענגניש.

ער איז צוגעגאנגען צו רבינו גרשם און האט איהם אויפגעוועקט און געזאגט צו איהם:

וועכטער: אזוי רואיג שלאפן קען נאר דער ערליכער אומשולדיגער מענטש. און אז דו ביזט אומשולדיג רבי ווייס איך זייער גוט; איך ווייס אויך אז ווען נישט דער פארדארבענער יאהאן וואלסט דו אין אזא טרויעריגער לאגע נישט געקומען.

- אויב אזוי - האט זיך רבינו גרשם אנגערופן - פארוואס זאלסט דו נישט ביי דעם קעניג אויסווירקן מיין פרייהייט ?

וועכטער: דערווייל איז יאהאן נאך צו מעכטיג און איך האב מורא פאר איהם; און דאך וויל איך דיר העלפן אויב דו וועסט פאלגן מיין ראטה.

רבינו גרשם: וואס דארף איך טוהן ?

וועכטער: זעה רבי דו ביסט ביי מיר טייער און געעהרט. דיין גרויסע קלוגשאפט שיינט פון דיין געזיכט און דו קענסט דערהויבן צו ווערן א וויצע-קעניג. עס ליגט פאר דיר א לעבן פון פרייהייט, רעגירונג עהרע רייכטום און גרויסקייט אז דו וועסט מיך נאר פאלגן און פארלאזן דיין רעליגיאן און אריבערגיין צום קריסטענטום.

רבינו גרשם: דער טויט איז ביי מיר טייערער ווי צו פארלאזן מיין רעליגיאן.

וועכטער: זיי נישט קיין עקשן רבי ! דער מיניסטער יאהאן איז שוין פארמיאוסט ביי אלע לאנדס-איינוואוינער און פארפיינדעט ביי זיי. פארזיכער מיר אז דו וועסט מיך פאלגן. - גיי איך גלייך צום קעניג און דערצייל איהם דיין באשלוס איך וועל אראפרייסן די מאסקע וועלכע דער מיניסטער יאהאן טראגט דאן גייסט דו ארויס פון געפענגניש צו רעגיערען אזוי ווי אמאל יוסף אין מצרים און אויף דיין שטעלע וועט געטויטעט ווערן יאהאן.

רבינו גרשם: לאז מיך אפ געעהרטער הערר׳ ! לאז מיך בעסער שטארבן דעם הונגער-טויט ! עס איז מיר ליבער אפצוגעבן מיין לעבן פון די וועלט וועלכעס איז נאר אריבערגייענד איידער איך זאל דאס איינטוישן און פארלירן דעם אייביגן לעבן און גאט׳ס גענאד.

וועכטער: דו דערמאנסט נאך דיין גאט׳ס גענאד און ברענגסט נאך זיין נאמען אויף דיינע ליפען ? פאר וואס באהאלט ער זיך פון דיר און לאזט דיך שטארבן אלס זינדיגער טראץ דעם וואס דו ביסט אומשולדיג ?

רבינו גרשם: ווייל אזוי וויל ער דער ערהאבענער און הייליגער גאט און אפשר וועט מיין טויט זיין א כפרה אויף אלע מיינע זינד וועלכע איך בין באגאנגען געגן איהם אין מיין לעבנס-טאג און דערפאר וועל איך געניסן פון די גוטס וועלכע גאט באהאלט אויף יענער אייביגער וועלט פאר זיינע דינער. אך ! איך וואלט גערן געוואלט נאך לעבן איך זאל קענען טוהן גוטס מיט מיינע פריינד וועלכע איך פארמאג אבער קויפן לעבן און פרייהייט פאר דעם זינדען-פרייז וואס דו לייגסט מיר פאר זאל מיך גאט אפהיטן.

וועכטער: מיין גוטע עצה רופסט דו אן מיט דעם נאמען זינדען-פרייז ?

רבינו גרשם: יא ! עס איז נישט פארהאן קיין גרעסערע זינד ווי דער וואס ווארפט אוועק די רעליגיאן וועלכע ער האט איבערגענומען פון זיינע עלטערן און האט אונטער איר אפגעלעבט א גרויסע טייל פון זיינע יארן.

וועכטער: אויב אזוי קען איך דיר גארנישט העלפן און דו וועסט שטארבן דורך דיין עקשנות.

רבינו גרשם: אויב גאטס ווילן וועט זיין מיך צו רעטן פון טויט בין איך זיכער אז איך וועל יעצט נישט שטארבן נאר אויב ער האט גוזר געווען אז איך זאל יעצט שטארבן און ער וויל מיך דערמיט באשטראפן וועסטו דו מיין הערר מיר אויך נישט קענען העלפן דען נאר ביי גאט אין האנד איז לעבן און טויט און נישט אין קיין מענטשן-האנט.

וועכטער: איך וויל דיר גערן העלפן רבי נאר דו אליין ווילסט זיך נישט רעטן פון די צרה.

רבינו גרשם: איך וויל נישט געבן דעם פרייז וועלכן דו פאדערסט.

וועכטער: אויב אזוי קענסט דו זיך גרייט מאכן צום טויט וועלכער איז דיר נאנט.

רבינו גרשם: איך בין גערייט צו גיין צום טויט אזוי ווי איינער גייט צום טאנץ און גאט גיב איך איבער מיין גייסט און מיין נשמה.

וועכטער: איז דאס דיין לעצטעס ווארט ?

רבינו גרשם: מיין לעצטעס !

## קאפיטעל 13

דאס אומגליק וואס האט אזוי אומערווארטעט ארייגעבראכן אין רבינו גרשם׳ס הויז האט די גוטע און פרומע דבורה אין גאנצן צעבראכן. א לאנגע צייט איז זי געלעגן ווי פאראליזירט אין איר צימער און האט איר טיפן שמערץ אין ביטערע טרערן אויסגעגאסן ערשט אין עטליכע טעג ארום ווען זי האט ערפארן אז איר מאן איז פארזורטיילט צום טויט האט זי אין איר האלב-טויטן קערפער ווידער לעבן באקומען און האט מיט געוואלד אירע קרעפטן צוזאמענגענומען אום עפעס צו טוהן.

איר ערשטער גאנג איז געווען צום רב פון קאנסטאנטינאפאל האפענדיג אז ער דורך זיין גרויסן איינפלוס קען עפעס העלפן. אבער דער רב האט איר געענטפערט אז אין דעם פאל האט זיין איינפלוס קיין שום ווערט ווייל דער געגנער דער מיניסטער יאהאן איז פיל מעכטיגער פון איהם.

די זעלביגע תשובה האט זי באקומען פון יעדן איינעם צו וועלכן זי האט זיך געווענדעט מיט דער בקשה צו העלפן איר מאן.

איר יאמער איז נאך גרעסער געווארן ווען זי האט באמערקט אז מעליטטא ווערט פון טאג צו טאג אלץ לוסטיגער און פרייליך נאך מער ווי פריער. עס איז געקומען אויף איר די געדאנקען אז לכאורה שטאמט דאס אומגליק פון דיר פארדארבענער פרוי און האט זיך פארגענומען איר נאכצושפיאנירן.

זי האט באלד אויסגעפונען אז מעליטטא באזוכט טאג-טעגליך א געוויסן וויין-האנדעל וואו זי פארברענגט גאנצע שטונדן.

זי האט אהין שפארצירט צו יענעם וויין-האנדל און פאר א פאר דוקאטן מיט וועלכע זי האט איינעם פון די משרתים אונטערגעקויפט האט זי פון איהם ערפארן אז מעליטטא קומט דא צוזאמען מיט א יונגען אפיציער פון דער קעניג-ליכער גארדע.

- איך וויל הערן וואס זיי רעדן צווישן זיך ! - האט דבורה צו איהם געזאגט.

- אה דאס איז זייער לייכט - האט ער איר געענטפערט.

ער האט איר דורכגעפירט א לאנגען קארידאר און האט איר אריינגעפירט אין א ליידיגן צימער.

- אין צווייטן צימער זיצט מעליטטא און ווארט אויף דעם אפיציער וואס דארף באלד קומען - האט ער צו איר געזאגט - דורך דעם שליסל-לאך קענט איר זייביידען זעהן און ווייל די וואנט איז זייער דין קענט איר אלעס הערן וואס זיי רעדן.

דער משרת איז אוועקגעגאנגען און דבורה איז געבליבן איינע אליין.

דורך דעם שליסל-לאך האט זי געזעהן ווי מעליטטא זיצט ביי א טיש אויף וועלכן עס איז געשטאנען א פלאש וויין מיט טרינק-גלעזער.

די טיר אין צווייטן צימער האט זיך געעפענט און מיחאיל איז אריינגעקומען.

מעליטטא איז האסטיג צו איהם צוגעלאפן ארעמס און האט אויסגערופן:

- דו האסט מיר היינט צופיל געלאזט ווארטן ! איז דאס שיין פון דיר?

- דו מוזט מיר פארצייהען מיין טייערע מעליטטא ! - האט ער געענטפערט - דו ווייסט דאך איך בין איין אפיציער און מיין צייט געהערט צום קעניג ווען איך וואלט נישט געדארפט פון דיר זיך געזעגענען וואלט איך יעצט נישט געקומען !

- געזעגענען ? און וואוהין גייסט דו שוין ווידער?

- מיר האבן שוין ווידער קריג און איך מוז מיט מיין רעגימענט אויסציהען !

- אויף ווי לאנג?

- ווער ווייסט? פילייכט אויף א יאר פילייכט אויף נאך לענגער !

- אבער דו קענסט מיך דאך מיטנעמען !

- וואס רעדסט דו פאר נארישקייטן ? ! א פרוי אין מלחמה דערצו נאך א פרעמדע ווי וועט דאס אויסזעהן ?

- וואס הייסט א פרעמדע? איך גיי דאך ווערן א מיניסטער ! דאס איז דאך שוין ביי אונז אנ׳אבגעמאכטע זאך !

- יא אבער

- אבער וואס? דו האסט אפשר חרטה?

- דו ווייסט דאך ווי טיף דו זיצט מיר אין הארצן וואס זאל איך אבער טוהן מיט מיין פעטער? ער וויל פון דעם נישט הערן און נישט זעהן !

- און דו ווילסט איהם פאלגן?

- איך מוז איהם פאלגן ! איך בין א שטיקעל יורש פון זיין גרויסן פארמעגן און אויב וועל איך איהם נישט פאלגן וועט ער מיר נישט לאזן האבן א חלק פון די ירושה און דאס געבן פאר איין אנדערן !

מעליטטא איז בלאס געווארן ווי א שטיק קרייד און מיט א וויינענדיגע שטימע האט זי אויסגערופן:

- איז דאס דער דאנק פאר אלע נידערטרעכטיגקייטן וואס איך בין צוליב דיר באגאנגען?

- הער אויס מעליטטא ! וואס עס קען נישט זיין קענסטו דו נישט פארלאנגען מיין פעטער וויל נישט און איך קען געגען זיין ווילן נישט גיין; אבער מיין פעטער איז גאר נישט אזוי שלעכט ווי דו מיינסט פאר דאס אלעס וואס דו האסט פאר אונז געטוהן שיקט ער דיר טויזענט דוקאטן.

ביי די ווערטער האט ער איר דערלאנגט א בייטל מיט געלט.

- נעם דיין געלט צוריק דו עלענדער באנדיט ! - האט מעליטטא אויסגעשריגן און האט איהם דאס געלט צו די פיס געווארפן - יעצט זעה איך שוין מיט וואס פאר א באנדיט איך האב געהאט צו טוהן אבער גאט וועט עס דיר נישט שווייגן זיין פלוך וועט דיך באגלייטן אויף שריט און טריט !

- חא ! חא ! דו רופסט גאט צו הילף דו? א פרוי וואס האט איר אייגענעם מאן פארקויפט צו זיינע פיינד? צו אזא פרוי הערט נישט גאט ! איך לאך מיך אויס פון דיר מעליטטא און פון דיינע קללות !

און אונטער א געלעכטער איז ער פון צימער ארויסגעגאנגען.

א לאנגע צייט איז מעליטטא געזעסן אומבאוועגליך און האט געוויינט דאן זענען איר אין קאפ אנדערע געדאנקען געקומען.

- זאל ער גיין צו אלע רוחות ! - האט זי אויסגערופן - איך קען קריגן בעסערע פון איהם איך בין נאך גענוג יונג און באלד וועל איך שוין אויך זיין אן אלמנה און א יונגע אלמנה מיט געלט.

זי האט צוזאמענגענומען דאס געלט און איז אוועקגעגאנגען.

דבורה האט דאס פון צווייטן צימער אלעס געזעהן און געהערט.

- איך בין די שולדיגע ! - האט זי וויינענדיג צו זיך געזאגט - איך האב איהם צוגערעדט מיט אזא שלאנג חתונה צו האבן; אבער עס מעג מיר קאסטן מיין לעבן איך מוז איהם ראטעווען !

## קאפיטעל 14

פון יענעם טאג אן אין וועלכן דבורה האט געמאכט דעם באזוך אין וויינהאנדלונג און האט דארטן ערפאהרען די גאנצע אינטריגע געגען איר מאן האט זי מיט מעליטאא׳ן אבגעבראכן יעדן מגע ומשא און האט מיט איר קיין ווארט גערעדט.
אלע אירע געדאנקען סיי ביי טאג סיי ביינאכט האבן זיך נאר ארום איין איינציגן פונקט ארומגעדרייט: איך מוז באפרייען מיין מאן ווען אפילו דאס זאל מיר קאסטן מיין לעבן:
די אומבאגרעניצטע געטריישאפט צו איר מאן האט איר דערצו געגעבן די נויטהיגע ענערגיע כאטש זי האט נאך נישט געוואוסט ווי אזוי זי זאל דאס אנפאנגען.
ענדליך האט זי זיך דערמאנט אין דער פרינצעסין טהעאדארא וועלכע איר מאן האט גראטעוועט פון טויט.
- זי וועט מיר העלפן! - האט זי אין א פרייליכער האפנונג אויסגערופן - זי וועט מיר פארשאפן אן אוידענץ ביי דעם קעניג!
זי האט נישט לאנג געווארט און איז אוועקגעגאנגען צום קעניגליכן פאלאץ אויפצוזוכען די פרינצעסין.
אבער קיין איינציגער פון די קאמער-הערען און קיין איינציגע פון די קאמער-פרויען האבן איר צו נישט צוגעלאזט די פרינצעסין.
אלע האבן געוואוסט דעם צוועק פון איר באזוך און כאטש זיי האבן מיט איר געהאט גרויס רחמנות האבן זיי דאך נישט געוואגט איר צו צולאזן דער פרינצעסין ווייל זיי האבן מורא געהאט פאר דעם מיניסטער יאהאן.
- עס בלייבט מיר נאר איין מיטל - האט די אומגליקליכע צו זיך געזאגט - איך וועלווארטן ביז די פרינצעסין וועט ארויספאהרען שפאצירן דאן וועל איך מיט איר קענען רעדן!
זי האט זיך אוועקגעשטעלט נישט ווייט פון פאלאץ און האט געווארט. אין א שטונדע ארום איז דער קעניגליכער עקיפאזש מיט דער פרינצעסין ווירקליך ארויסגעפארן פון פאלאץ אבער ווייל די פערד זענען זייער האסטיג געלאפן. האט זי צו דעם עקיפאזש נישט געקענט געקענט צוקומען.
א שטראם טרערן האט זיך פון דבורה׳ס אויגן ארויסגעגאסן אבער זי האט נאך איר האפנונג נישט פארלוירן און איז געבליבן שטיין אויף איר פלאץ.
- איך וועל ווארטן ביז זי וועט צוריקקומען - האט זי צו זיך געזאגט - און דאן וועט מיך שוין קיין מאכט אין דער וועלט נישט אפהאלטן צו רעדן מיט דער פרינצעסין!
אין א שטונדע ארום האט זי דערזעהן דעם עקיפאזש צוריקפארנדיג און שנעל ווי א בליץ האט זי זיך פאר די פערד געווארפן און האט אויסגערופן:
דבורה: - העלף פרינצעסין! העלף אן אומגליקליכע פרוי!
דער קוטשער האט קוים געהאט צייט אפצושטעלן די פייערדיגע פערד און די פרינצעסין וואס האט דעם פארצווייפעלטן רוף געהערט האט זיך א צושראקענע באוויזן אין דעם פענסטער פון דעם עקיפאזש.
- ווער זענט איר און וואס ווילט איר פון מיר? - האט זי ציטערנדיג געפרעגט.
דבורה: - איך בין רבינו גרשם׳ס ווייב מיין מאן איז פאראורטיילט צום טויט איר מוזט מיר העלפן איר מוזט איהם ראטעווען!
טהעאדארא: - אבער פארוואס זענט איר צו מיר אין פאלאץ נישט געקומען?
דבורה:- אייערע באדינער לאזן מיך צו אייך נישט אריין גנעדיגע פרינצעסין!
טהעאדארא:- זעצט אייך צו מיר אין וואגען איך וועל אייך אריינפירן אין פאלאץ און דארטן וועט איר מיר אלעס דייטליך ערקלערן.
ווי נאר די פרינצעסין האט אריינגעפירט דבורה׳ן אין איינעם פון אירע פרעכטיגע סאלאנען האט זי איר זייער פריידליך איינגעלאדען צו זיצן און האט איר אויפגעפאדערט איר צו ערקלערן אום וואס עס האנדלט זיך.
אונטער שטראמען הייסע טרערן האט איר דבורה קלאר געמאכט דעם גאנצן אינהאלט פון דער אינטריגע קעגן איר אומשולדיגן מאן. ווי אזוי מען האט איהם פאראורטיילט צום טויט כאטש זיין שולד איז מיט קיין זאך נישט באוויזן געווארן און ווי אזוי די אינטריגע איז פון דעם מיניסטער יאהאן און פון זיין פלימעניק מיכאיל און פון מעליטאא׳ן געוועבט געווארן.
זי האט איר אלעס דייטליך ערקלערט נאר וועגן דעם פארלוירענעם רינג האט זי גארנישט דערמאנט ווייל זי האט נישט געקענט אנגעבן ווי אזוי דער רינג איז פארלוירן געגאנגען.
- הייליגער גאט! - האט די פרינצעסין אויסגערופן און איז בלאס און ציטערנדיג פון איר שטוהל אויפגעשפרונגען - אזא נידערטרעכטיגקייט זאל באגיין ווערן מיט דעם בעסטן און איידעלסטן מענטשן פון קאנסטאנטינאפאל! אוי ווי אום דאנקבאר געגן א מענטשן וואס האט טעג און נעכט איבער מיר געוואכט נאר כדי מיך צו ראטעווען פון טויט; געגן א מענטש וואס האט גאנצע מאנאטן געארבייט פאר דאס לאנד דעם שענסטן טהראן פון דער וועלט צו שאפן! אבער זייט רואיג ליבע פרוי דאס וועט נישט געשען! אייער מאן מוז באפרייט ווערן! בלייבט דא אין מיין צימער איך גיי צום קעניג און איך בין זיכער אז איך וועל אייך באלד ברענגען אייער מאן׳ס פרייהייט!
דבורה האט זיך געווארפן די פרינצעסין צו די פיס אום איר צו דאנקען אבער די פרינצעסין האט איר שוין נישט געהערט. האסטיג איז זי פון צימער ארויסגעגאנגען און האט זיך געווענדעט צום קעניג׳ס קאבינעט.
ווי גרויס איז אבער איר איבערראשונג געווען ווען דער אפיציער וואס איז געשטאנען אויף דער וואך ביי דער טיר פון קאבינעט האט איר ערקלערט אז זי קען צום קעניג נישט אריינקומען ווייל מען האט באפוילן נישט אריינצולאזן צו איהם קיין מענטשן.
טהעאדארא:- מיר אויך נישט? - האט זי געפרעגט.
אפיציער: - אייך אויך נישט!
טהעאדארא:- גוט! דאן וועל איך אריינגיין מיט געוואלד!
און מיט די ווערטער האט זי דעם אפיציער אפגעשטויסן פון טיר און איז אריינגעגאנגען אין קאבינעט.
דער קעניג אבער האט איר העכסט איבערראשט און זייער נישט פריינדליך אנגעקוקט.
קעניג: - ווי וואגסט דו טהעאדארא אריינצוקומען צו מיר נישט גערופענערהייט - האט איר דער קעניג געפרעגט.
טהעאדארא:- דארטן וואו עס האנדלט זיך צו ראטעווען איין אומשולדיגן מענטשן פון טויט וואג איך אלעס! האט זי אומדערשראקן געענטפערט.
קעניג:- און ווער איז דער מענטש?
טהעאדארא:- רבי גרשם מיין רעטער!
קעניג:- אומזיסט איז דיין מיה טהעאדארא! ער איז פארלוירן ער מוז שטארבן! איך קען איהם נישט העלפן.
טהעאדארא:- וואס! דו קענסט איהם נישט העלפן? דו דער קעניג

קעניג:- איך האב איהם די מעגליכקייט געגעבן זיך צו ראטעווען פון יעדער נויטה. איך האב איהם דערצו געגעבן א רינג פארוואס קומט ער נישט צו מיר מיט דעם רינג?

טהעאדארא:- אבער עס קען דאך זיין אז זיינע פיינד האבן ביי איהם דעם רינג גע׳גנב׳עט!

דאס האט שוין געווירקט אויף דעם קעניג. ער האט איינגעזעהן אז ווארשיינליך האט עמיצער גע׳גנב׳עט דעם רינג פון איהם. א לאנגע צייט איז ער טראכטענדיג ארומגעגאנגען אין קאבינעט אהין און אהער דאן איז ער געבליבן שטיין און האט אויסגערופן:

קעניג:- גאר דיר צוליעב טהעאדארא וועל איך דעם פאראורטיילטן באגנאדיגן אויב ער זיצט נאך אין געפענגניש וועט ער באלד באפרייט ווערן אבער אויב האט מען איהם אבער שוין איבערגעפירט צום "הונגער-טהורם" דאן קען איך איהם נישט העלפן!

אין דער געגענווארט פון דער פרינצעסין האט דער קעניג געשיקט איינעם פון זיינע אדיוטאנטן אין געפענגניש מיט דעם באפעל ארויסצולאזן פריי רבינו גרשם.

אבער דער באפעל איז שוין צו שפעט געווען דער אדיוטאנט איז באלד צוריקגעקומען מיט דער מעלדונג אז רבינו גרשם זיצט שוין אין הונגער-טהורם.

דער מיניסטער יאהאן וואס האט געקענט דעם קעניגס גוטהערציגקייט האט שוין פריער געגעבן דעם באפעל איבערצופירן דעם אומגליקליכן רבינו גרשם אין הונגער-טהורם ווייל ער האט געוואוסט אז לויט די געזעצן פון דעם לאנד קען איהם פון דארטן אפילו דער קעניג אליין נישט באפרייען.

וויינענדיג האט זיך די פרינצעסין צו דבורה׳ן אומגעקערט און האט איר געבראכט די בייזע בשורה.

א לאנגע צייט איז דבורה געווען ווי פאראליזירט פאר שרעק און פאר שמערצן. ענדליך האט זי זיך אנטשלאסן צו שטארבן צוזאמען מיט איר מאן פון הונגער.

נאך אין דעם זעלביגן טאג האט זי אויפגעזוכט דעם הונגער-טהורם וואס איז געשטאנען אין א וויסטע געגנט ווייט פון שטאט האט זיך אוועקגעלייגט אויף דער ערד און איז אנטשלאסן געווען דא אזוי לאנג צו ליגן ביז זי וועט אויסגיין פון הונגער.

## קאפיטעל 15

איינזאם עלענד און אפגעשניטן פון דער גאנצער וועלט איז רבינו גרשם געזעסן אין דעם וויסטן הונגער-טהורם און האט מיט שרעק ערווארטעט די שרעקליכע מאמענטן פון דעם הונגער-טויט. קיין געדאנקען פון הילף האט איהם נישט געקענט טרייסטן דען דער טהורם איז געווען זייער הויך און דער אריינגאנג צו איהם איז געווען פארשלאסן מיט א דיקע אייזערנע טיר. עס איז איהם נאר איבערגעבליבן א גרינגערן טויט פאר זיך אויסצוקלויבן ... 

- דאס קען גאט׳ס ווילן נישט זיין - האט ער ביי זיך געטראכט - גאט וויל נישט אז איך זאל שטארבן אומשולדיג און פאר דער צייט ווי דער שענדליכסטער פארברעכער! לאז מיך נאר זוכן! אפשר וועט מיר גאט באווייזן א נס!

ער האט דעם גאנצן טהורם פון אויבן ביז אונטן אונטערזוכט און האט זיך צו זיין שרעק נאך אמאל איבערצייגט. אז דאס געדאנק צו אנטלויפן פון דעם טהורם איז נאר א פוסטער חלום.

פלוצלונג איז איהם איינגעפאלן א געדאנק. מען האט פון איהם דערציילט אז דער טיראנישער קעניג פהאקאס האט געלאזט אויפבויען דעם טהורם און האט איבערגעגעבן די ארבייט פאר א געוויסן ארכיטעקטאר מיט עטליכע יאר שפעטער איז דער קעניג בייז געווארן אויף דעם ארכיטעקטאר און האט איהם געהייסן איינשליסן אין הונגער-טהורם. עטליכע טעג שפעטער זענען די קעניגליכע באדינער געקומען נעמען דעם טויטן קערפער פון דעם ארכיטעקטאר און צו באערדיגן האבן זיי נישט געפונען קיין שפור פון איהם. דאס פאלק האט געגלויבט אז דער ארכיטעקטאר איז געוויס געשטאנען אין פארבינדונג מיט די שדים און מיט די רוחות און איז מיט זייער הילף איז עס איהם געלונגען צו אנטלויפן פון טהורם.

אבער רבינו גרשם האט אין אזעלכע פוסטע מעשיות נישט געגלויבט.

- עס קען זיין - האט ער ביי זיך געקלערט - אז דער ארכיטעקטאר האט געמאכט ערגיץ וואו א פארבארגענע טיר דורך וועלכער דער אומגליקליכער זאל קענען אנטלויפן און דורך דיר טיר האט ער זיך געראטעוועט.

ער האט נאך אמאל דעם טהורם פון אונטן ביז אויבן מיט נאך מער אויפמערקזאמקייט אונטערזוכט און האט ווידער גארנישט געפונען זיין מוטה און זיין האפנונג האט שוין אנגעהויבן ארונטערצוזינקען ביז ער האט מיט איינמאל דערזעהן א פארראסטעטן שליסל וואס איז געלעגן פארבארגן צווישן די אייזערנע גראטעס פון דעם שמאלן פענסטער אויבן אין דעם טהורם.

ער האט דעם שליסל אפגערייניגט און עס איז איהם געלונגען אויפצושליסן דעם פענסטער.

- יעצט איז עס מיר קלאר! - האט ער אויסגערופן - דורך די פענסטער איז דער אכיטעקטאר אנטלאפן געוויס האט איהם איינער פון זיינע פריינד דערלאנגט א לייטער און אויף דעם אופן איז ער ארויסגעקומען פריי אבער וואו נעם איך אזא פריינד? אן א לייטער קען מען גארנישט מאכן!

עס איז שוין געווען שפעט פאר נאכט אויף דעם אנדערן טאג און רבינו גרשם איז נאך אלץ געזעסן אויבן אויף דעם טהורם און האט זיין קאפ שיעור צובראכן טראכטענדיג ווי אזוי זיך צו באפרייען.

פלוצלונג האט א מענטשליכע שטימע אין זיינע אויערן אריינגעקלינגען.

- גרשם! גרשם! מיין ליבער מאן! לעבסט דו נאך? - האט ער פון אויבן גאנץ דייטליך געהערט.

ער האט דערקענט דבורה׳ס שטימע.

- דבורה! מיין טייערע דבורה! - האט ער פון אויבן ארונטערגערופן - גאט האט דיך יעצט צו מיר געשיקט דו וועסט מיך ראטעווען פון טויט!

- איך בין געקומען שטארבן מיט דיר צוזאמען!

- ניין מיר וועלן נישט שטארבן! מיר וועלן נאך לעבן א לאנגע צייט און דו וועסט מיר העלפן אראפצוקומען פון טהורם!

- אבער וואס קען איך טוהן? ווי אזוי זאל איך דיר העלפן?

- הער נאר גוט צו וואס דו האסט צו טוהן לויף געשווינד צוריק אין שטאט און ברענג מיר צוויי פעקלעך פאדים איין פעקיל דינע זייד און א פעקל פאדים פון פלאקס. נאך דערצו זאלסט דו מיר ברענגען פוטער און א האלץ-ווארעם.

- א האלץ-ווארעם?

- יא א ווארעם וואס געפינט זיך אין האלץ. אזא ווארעם קענסט דו זייער לייכט געפינען אבער מאך עס געשווינד?

אין א שעה ארום איז שוין דבורה צוריקגעקומען און האט מיטגעבראכט אלעס וואס רבינו גרשם האט געהייסן.

- יעצט מיין טייערע - האט ער צו איר געזאגט - זוך אויס א זשוק דו קענסט עס געפינען זייער לייכט אין דעם מיסט ארום דעם טהורם. ווען דו וועסט עס קריגן זאלסט דו באשמירן דעם האלץ-ווארעם מיט פוטער און זאלסט צו איהם צובינדן א לאנגן זיידענעם פאדים דאן זאלסט דו איהם צולעגען צום וואנט פון מויער. ער וועט אנהויבן צו קריכן אין דער הויך און וועט ביסלעכווייז ארויפציהען דעם זיידענעם פאדים צו מיר. אז איך וועל שוין האבן דעם זיידענעם פאדים אין מיין האנט וועסט דו אונטן צובינדן צו איהם א גרעבערן פאדים און אויף דעם אופן וועסט דו מיר מיט דעם פאדים קענען דערלאנגען אלעס וואס איך דארף!

- איך פארשטיי מיין טייערער גרשם. אבער צו וואס דארפסט דו דעם זשוק?

- דאס איז גאנץ איינפאך. עס קען דאך זיין אז דער האלץ-ווארעם זאל נישט קריכן אין דער ריכטונג צו מיר אבער ווען ער וועט הינטער זיך זעהן דעם זשוק וואס יאגט איהם נאך נאך דעם גערוך פון פוטער וועלכען דער זשוק האט זייער שטארק ליב וועט ער זיך איילן אלץ העכער צו קומען און וועט מיר ארויפציען דעם זיידענעם פאדים. און ווי נאר איך וועל שוין האבן דעם זיידענעם פאדים אין מיין האנט וועלן מיר שוין קענען ארויפברענגען גרעבערע פעדימער און שטריקלעך פון וואס עס וועט מיר זיין זייער לייכט צו מאכן א לייטער.

דבורה האט מיט דער גרעסטער פונקטליכקייט אויסגעפירט דאס וואס רבינו גרשם האט איר געהייסן און ווי נאר זי האט געזעהן ווי דער האלץ-ווארעם ווערט געיאגט פון דעם זשוק און קריכט אלץ העכער און העכער צו דעם שפיטץ פון דעם טהורם אויף וועלכן רבינו גרשם איז געשטאנען האט זי נאך מער באוואונדערט די חכמה פון איר געלעהרטן מאן.

ענדליך איז שוין דער האלץ-ווארעם אזוי ווייט ארויפגעקראכן אז רבינו גרשם האט איהם געקענט נעמען מיט זיין האנט. האסטיג האט רבינו גרשם דעם זיידענעם פאדים גענומען און האט געהייסן דבורה׳ן צובינדן צו איהם א גרעבערן פאדים. דבורה האט דאס געטוהן און נאכדעם ווי ער האט אויך די פאדים צו זיך ארויפגעצויגן האט ער געהייסן צובינדן א דינעם שטריקל וועלכן ער האט אויך צו זיך ארויפגעצויגן.

אויף דיר אויפן ארט האט שוין רבינו גרשם געהאט א פארבינדונג מיט דער ערד.

- געלויבט איז גאט! - האט רבינו גרשם אויסגערופן - יעצט בין איך צום ווייניגסטן געראטעוועט פון הונגער-טויט ווייל יעצט קענסט דו מיר מיט דעם דינעם שטריק ארויפשיקן עסענווארג. גיי מיין טייערע דבורה און ברענג מיר עפעס צום עסן!

דבורה איז אוועקגעגאנגען צוריק אין שטאט און אין א שטונדע ארום איז זי שוין געקומען צוריק צום טהורם אנגעלאדן מיט פארשידענע שפייזן און משקאות.

רבינו גרשם האט באלד צו איר ארונטערגעלאזן דעם דינעם שטריקל און נאכדעם ווי דבורה האט צו איהם דעם קארב מיט די מאכלים און מיט די משקאות צוגעבונדען האט עס רבינו גרשם מיט פרייד צו זיך ארויפגעצויגן.

- יעצט מיין גוטע דבורה! - האט ער צו איר געזאגט - גיי אהיים און רוה דיך אויס; ווען דו וועסט מארגן ווידער קומען צו מיר זאלסט דו מיר מיטברענגען גרעבערע שטריק פון וועלכע איך זאל קענען מאכן א לייטער!

דבורה איז מלא שמחה אוועק אהיים אבער מעליטטא׳ן האט זי גארנישט דערציילט.

אויף מארגן ווי נאר דבורה איז ווידער געקומען צו איהם האט זי איהם מיטגעבראכט א גאנצן פאק גראבע שטריק.

## קאפיטעל 16

באקומענדיג די שטריק האט זיך רבינו גרשם גלייך גענומען צו דער ארבייט און אין ביז האלבע שטונדע צייט האט ער שוין פארטיג געמאכט דעם שטריק-לייטער.

- יעצט מיין טייערע דבורה - האט ער געזאגט צו איר און האט דעם שטריק-לייטער ארונטערגעלאזן צו דער ערד - קום ארויף צו מיר!

דבורה איז ארויפגעקומען צו איהם אויף דעם טהורם און נאך דעם ווי זיי האבן אפגעגעבן א שבח והודיה צו גאט פאר דעם גרויסן נס וואס ער האט מיט זיי געטוהן האט דבורה פאר איהם דערציילט אלעס וואס זי האט פון מעליטטא׳ן געוואוסט און האט איהם דייטליך ערקלערט אז נאר זי אליין איז שולדיג אין זיין אומגליק.

מיט שרעק און מיט טרויער האט רבינו גרשם איר אויסגעהערט און נאכדעם ווי דער מיניסטער יאהאן האט איהם אויך איבערגעגעבן אז זי אליין איז שולדיג אין זיין אומגליק איז ער פארזונקען געווארן אויף א לאנגע צייט אין זיינע טיפע געדאנקען.

- וואס טראכסט דו. מיין ליבער מאן? האט איהם דבורה געפרעגט.

- זי מוז שטארבן! - האט רבינו גרשם ווי ערוואכענדיג און מיט א שוואכע שטימע געענטפערט.

דבורה: - ווער?

רבינו גרשם: - זי די זינדיגע פרוי מעליטטא!

דבורה:- וואס רעדסט דו? - האט דבורה אויסגערופן אויסער זיך פאר שרעק.

רבינו גרשם:- יא זי מוז שטארבן! - האט ער שוין ענערגישער געענטפערט - און נישט פאר איר זינד נאר פאר דעם וואס זי שטייט גרייט מיר צו הרגענן אליין מוז זי שטארבן מיר מוזן איר אויך אפרוימען פון וועג כדי זי זאל מיר נישט שטערן אויסצופירן מיין פלאן. מיין פלאן איז צו אנטלויפן מיט דיר פון קאנסטאנטינאפאל און זיך צו באזעצן אין א ווייטע מדינה. אזוי לאנג ווי זי לעבט וועל איך דאס נישט קענען אויספירן ווי באקאנט איז "הבא להרגך השכם להרגו" (אז איינער וויל דיר הרגענן הייב דיר אויף אין הרגע איהם) און זי שטייט גרייט יעדע מינוט מיר צו הרגענן צוליב דעם מוז זי שטארבן. ווען איך וואלט פריי געוועזן וואלט איך זי איינפאך גע׳גט און אוועקגעשיקט פון מיין הויז אבער יעצט קען איך זי נישט גט׳ן ווייל אז זי וועט וויסען אז איך לעב נאך וועט זי מיר באלד פארמסר׳ען פארן קעניג און ער וועט מיר נאך זוכען און באלד הרגענן.

דבורה האט אויסגעבראכן אין א גרויס געוויין.

דבורה:- אה די אומגליקליכע! - האט זי געיאמערט - אזוי יונג און שוין שטארבן.

רבינו גרשם:- הער אויף צו וויינען דבורה! מען טאר קיין רחמנות נישט האבן אויף אזא בייזע שלאנג זי האט פאר מיר געגראבן א גרוב און אין דער זעלביגער גרוב וועט זי באגראבן ווערן גאט באצאלט יעדן מענטשן מדה כנגד מדה.

דבורה:- אבער ווי ווילסט דו דאס מאכן? ווילסט דו מיט דיינע אייגענע הענט איר ערמארדן? ווילסט דו יעצט דיינע ריינע הענט באפלעקן מיט בלוט?

רבינו גרשם:- חלילה! הער אויס מיין פלאן! ביז איך וועל קענען פארלאזן קאנסטאנטינאפאל וועל איך דא בלייבן אין טהורם ווייל דא בין איך זיכערער ווי אומעטום. דו מיין טייערע דבורה וועסט אויפזוכן א שיף וואס זעגעלט אפ פון דאנען קיין אויסלאנד און וועסט באשטעלן צווי פלעצער אויף דעם שיף פאר מיר און פאר דיר. עס איז פאר אונז אלץ איינס וואו אהין די שיף וועט גיין קיין פראנקרייך אדער קיין איטאליען; ווען דו וועסט שוין פארטיג ווערן מיט דעם זאלסט דו מיר ברענגען פרויען-קליידער כדי איך זאל מיך קענען פארשטעלן פאר א פרוי צוליב דעם וואס אין דיר פארקליידונג בין איך פארזיכערט צו קענען פארלאזן די פלאץ.

דבורה:- און מעליטטא ?

רבינו גרשם:- אין דער נאכט אין וועלכע מיר וועלן דארפן אוועקפארן זאלסט דו איר אויסזאגן דעם סוד אז איך לעב נאך זאג איר וואס דו ווילסט זאג איר פון מיינעטוועגן אז מלאכים פון הימל טראגן מיר עסן און איך בין לוסטיג און מונטער דאס נייגעריגקייט וועט איר טרייבן צו קומען צו מיר אין טהורם זיך איבערצוצייגן אז ווירקליך לעב איך נאך. איר גאנג אהער וועט זיין איר לעצטער גאנג פון איר לעבן. זי וועט דא בלייבן ביז זי וועט דא אויסהויכן איר זינדיגע נשמה !

דבורה האט אלעס פונקטליך אויסגעפירט ווי רבינו גרשם האט איר באפוילן. זי האט אויסגעפונען א שיף וואס זעגעלט אפ פון דאנען אין דריי טעג ארום קיין ווענעדיג און האט באשטעלט צוויי פלעצער. די גאנצע פארמעגן אירע האט זי ארויפגעלייגט אויף דעם שיף און קיינער האט זיך נישט געוואונערט ווייל יעדער איינער האט געגלויבט אז די ״אלמנה״ דבורה קערט זיך אום צוריק צו איר פאטער אין מיינץ.

מעליטטא האט זיך מיט דבורה׳ס אוועקפארן פון קאנסטאנטינאפאל זייער געפרייט. ערשט יעצט ווען זי וועט זיין אליין וועט זי קענען גיין אירע וועגן גאר אן א שום שטערונג. זי האט געוואוסט אז דבורה קוקט איר שטארק נאך און דאס האט איר שטענדיג טיף געקרענקט.

ווען אלעס איז שוין געווען פארטיג צו דער רייזע האט דבורה מיט מעליטטא׳ן אנגעקניפט די פאלגענדן געשפרעך:

דבורה:- מעליטטא ! מארגן פאר איך שוין אוועק פון דאנען און מיר וועלן זיך שוין קיינמאל נישט זעהן איך וויל אז מיר זאלן בלייבן גוטע פריינד אויף אימער און מיר זאלן פארגעסן אלעס וואס עס איז צווישן אונז פארגעקומען.

פאר געזונטערהייט דבורה און זיי גליקליך ! - האט איר מעליטטא מיט פארשטעלטער פריינדשאפט געענטפערט - געוויס ווערסט דו ווידער חתונה האבן ווען דו וועסט קומען צו דיינע עלטערן אין מיינץ ?

דבורה: איך ? חתונה האבן ? ווי אזוי קען איך דאס ?

מעליטטא: די ביסט דאך אן אלמנה !

דבורה: אמת ! אבער איך בין דאך יעצט נישט קיין אלמנה.

מעליטטא: וואס הייסט דו ביזט נישט אן אלמנה ?

דבורה: וואס! פשוט איז פשוט: אונזער מאן רבי גרשם לעבט נאך

מעליטטא: דו טרייבסט שפאס ווי איז דאס מעגליך ?

דבורה: די גוטע מלאכים פון הימל טראגן איהם שפייז ווי די ראבן האבן פארצייטן געשפייזט אליהו הנביא מיט ברויט און מיט פלייש ווען ער האט זיך באהאלטן פון דעם בארבארישן קעניג אחאב !

מעליטטא: און דו ווילסט איהם איבערלאזן און אוועקפארן ?

דבורה: אזוי האט ער מיר געהייסן ! אין עטליכע טעג ארום נאך מיין אוועקפארן וועט ער קומען צו מיר אין דייטשלאנד.

מעליטטא: און וואו האסט דו מיט איהם גערעדט ?

דבורה: אין הונגער-טהורם.

מעליטטא: קען מען צו איהם צוקומען אין טהורם ?

דבורה: אה איך בין שוין עטליכע מאל דארט געווען.

מעליטטא: איך קען דאס בשום אופן נישט גלויבן ! איך זעה אז דו טרייבסט נאר ליצנות.

דבורה: ווילסט דו זיך איבערצייגן ?

מעליטטא: דאס איז מיין איינציגער וואונטש !

דבורה: אויב אזוי קום מיט מיר !

ווען זיי זענען אנגעקומען צום טהורם האבן זיי געפונען דעם שטריקלייטער אראפגעלאזט א באווייז אז רבינו גרשם האט זיי שוין ערווארטעט.

דבורה איז ארויף אויף דעם לייטער און האט געהייסן מעליטטא׳ן זי זאל גיין גלייך נאך איר.

מיט שרעק איז מעליטטא ארויפגעגאנגען אויף דעם טהורם און איז נאך מער דערשראקן געווארן ווען זי האט דערזעהן רבינו גרשם לעבעדיג .

אין אנפאנג האט זי געמאכט א באוועגונג ווי גלייך זי פרייט זיך מיט די גרויסע נס וואס האט פאסירט מיט איהם זי האט אבער דערזעהן זיין פינסטערן בליק און איז מיט שרעק צוריק געטרעטן.

- מעליטטא ! - האט רבינו גרשם אויסגערופן און זיין שטימע האט געקלונגען ווי די שטימע פון א שטרענגן ריכטער - ווער האט אויסגעזאגט מיינע פיינט דעם סוד ווי אזוי אפצוּוועגן דעם קעניגליכן טהראן ?

- איך ווייס נישט ! - האט מעליטטא שטאמלענדיג געענטפערט.

- און דעם גארדיסט מיחאיל קענסט דו אויך נישט ? - האט ער איר ווייטער געפרעגט.

מעליטטא איז בלאס געווארן ווי א שטיק ווייסע לייוונט און איז אין גאנצן צוזאמענגעבראכן. זי האט זיך אבער באלד באהערשט און האט געענטפערט:

מעליטטא:- איך קען נישט אזא מענטש און ווייס נישט ווער דאס איז !

- שוין ווידער א שקר בלבול אויף מיר ? - האט זי ווידער אויסגערופן און האט אנגעהויבן צו וויינען.

רבינו גרשם: - דיינע פאלשע טרערן וועלן דיר שוין יעצט נישט נוצן יעצט זעה איך שוין קלאר מיט וועמען איך האב צו טוהן מער קענסט דו מיך שוין נישט נארען זיי זיך מודה אז דו ביסט א זינדיגע און א פארדארבענע פרוי ! פארגעס נישט אז דו שטייסט יעצט פאר דעם אייביגען ריכטער !

מעליטטא:- וואס רעדסט דו ? וואס ווילסט דו מיר טוהן ?

רבינו גרשם: - דו מוזט שטארבן !

מעליטטא איז אפגעשפרונגען צוריק.

מעליטטא:- דו ווילסט מיך טויטען ?

רבינו גרשם: - מיין האנט וועט דיך נישט בארירן ! איך און דבורה וועלן פון דאנען אוועקגיין און דו וועסט דא בלייבן איינגעשלאסן. ביז דו וועסט אויסגיין פון הונגער. זעסט דו דו געזונקענע פרוי ? גאט באצאלט מדה כנגד מדה ווען איינער גראבט א גרוב פאר דעם צווייטן פאלט ער אליין אריין אין איר.

די געזונקענע פרוי האט איינגעזעהן אין וואס פאר א געפאר איר לעבן שוועבט און האט געזוכט זיך צו העלפן דורך רמאות.

זי איז געפאלן רבינו גרשם צו די פיס און מיט ביידע הענט און וויינענדיג אויפ׳ן קול האט זי אויסגערופן:

מעליטטא:- וועה וואס פאר איין אומגליק ! ווי שווער איז דאס צו שטארבן ווען מען פילט זיך אומשולדיג ווי א ניי געבארענעם קינד !

רבינו גרשם: - אומשולדיג ביזט דו? ווילסט דו יעצט אויך דיין שולד לייקענען? ווען איך בין געשטאנען פאר די ריכטער האט מיר דער מיניסטער יאהאן אפען און קלאר פאר אלעמען געזאגט אז מיין ווייב האט זיי אנטדעקט דאס סוד.

מעליטטא איז האסטיג אויפגעשפרונגען. א שטראהל פון האפנונג האט אין איר קאפ אויפגעבליצט.

- דיין ווייב? - האט זי אויסגערופן - אבער דו האסט דאך צוויי ווייבער פארוואס זאל איך זיין דאס די זינדיגע?

- עלענדע פארפלוכטע פרוי! - האט רבינו גרשם אויסגעשריגן - דו האסט נאך די העזה צוווארפן אויף די הייליגע דבורה א חשד! דאס שטייגט שוין איבער אלע פארדארבענהייטן און אלע זינד וועלכע דו ביזט ביז יעצט באגאנגען! ווי אזוי האט דבורה געקענט אנטדעקן דאס סוד ווען זי האט נישט געוואוסט ווי אזוי אפצווועגען דאס שטול? נאר דו עלענדע און געזונקענע פרוי האסט געוואוסט מיין סוד. דו האסט עס מיט דיין גלאטן צונג פון מיר אויסגענארט מיך צו פארניכטן. נאך איינס! דער אפיציער מיחאיל האט זיך פאר מיר אין געריכטהויז אליין מודה געווען אז די האסט איהם אנדעקט די סוד און דו ווילסט דאס לייקענען?

מעליטטא:- און פון וואנען ווייסט דו אז ער האט נישט געמיינט דבורה׳ן?

רבינו גרשם: - שווייג דו נידערטרעכטיגע! ער וויל דו שוין מאכן פאר מיניסטער איידער איך האב מיט דיר חתונה געהאט אבער גענוג צו רעדן! דיין פארברעכן איז קלאר און דייטליך דו מוזט שטארבן? דו האסט דא שפייז אויף א פאר טעג די קורצע צייט וואס עס בלייבט דיר נאך איבער צו לעבן קענסט דו פארווענדן אויף תשובה און אויף חרטה ווען דו וועסט זיך מיט דעם גאנצן הארצן מתודה זיין פאר דעם אלמעכטיגן גאט קענסט דו נאך האפן אויף עולם הבא.

און צו דבורה׳ן זיך ווענדענדיג האט ער אויסגערופן:

רבינו גרשם: - דבורה! עס איז שוין צייט מיר קענען דא לענגער נישט פארבלייבן קום מיט מיר ארויס פונעם טהורם!

נאך אין לעצטן מאמענט האט די גוטע דבורה אין איר הארצן א געפיל פון גרויס רחמנות צו מעליטטא׳ן דערפילט.

- גרשם מיין ליבער מאן! - האט זי אויסגערופן - איך בעט דיך זיי איר מוחל פארצייהה איר.

רבינו גרשם: - איך קען עס נישט! זי איז מיר א פרעמדע זי איז נישט מער מיין ווייב!

דבורה:- דו קענסט איר שיקן א גט פון דייטשלאנד!

רבינו גרשם: - און וואס וועלן מיר טוהן ווען זי וועט נאך היינט די באאמטע אנטדעקן אז איך שטיי אין באגריף צו אנטלויפן?

דבורה:- זי וועט דאס נישט טוהן! איך בעט דיך זיי איר מוחל פון מיינעטוועגן!

א שווערער קאמף האט זיך אנגעהויבן אין רבינו גרשם׳ס הארץ און ער האט נישט געוואוסט צו וואס ער זאל זיך ענטשליסן. ענדליך האבן זיינע געפילן איבער איהם געזיגט און ער איז שוין אנטשלאסן געווען צו פארגעבן די זינדערין.

מעליטטא האט שוין אבער אויף קיין פארצייאונג נישט געהאפט און אירע געדאנקען זענען באשעפטיגט געווען מיט דעם ווי אזוי איר לעבן צו ראטעווען. מיט שרעק האט זי זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן און האט געזוכט א וועג ווי צו אנטלויפען. באלד אבער איז קלאר געווארן אז זי האט נישט קיין מיטל זיך צו ראטעווען. גרשם און דבורה וועלן דעם טהורם באלד פארלאזן און דעם שטריק-לייטער וועלן זיי צונעמען. דאן בלייבט איר אפאר טעג צו לעבן און שפעטער צו שטארבן פון הונגער

אירע בליקן זענען געפאלן אויף רבינו גרשם און אויף דבורה׳ן וואס זענען עטוואס ווייטער פון איר געשטאנען און האבן צווישן זיך גערעדט. א נייער געדאנקען האט פלוצלינג אין איר קאפ אויפגעבליצט

שנעל ווי א בליץ האט זי איר פלאץ פארלאזן איז ארויפגעלאפן אויף דעם שפיץ פון דעם טהורם צו יענעם ארט וואו דער שטריק-לייטער איז צוגעבונדן געווען און האטלאכענדיג אויסגערופן:

- אה! הא! הא! איך בין פריי! איך האב דעם וועג געפונען! אבער איר זייט פארלוירן! איר וועט דא בלייבן און פון הונגער שטארבן.

-אוי ווי מיר זענען פארלוירן! - האט רבינו גרשם אויסגערופן מיט א געבראכענער שטימע - זי וועט צונעמען דעם שטריק-לייטער און וועט אלארמירן די וועכטער!

דערווייל האט מעליטטא נישט אויפגעהערט אלץ העכער און העכער ארויפצוקלעטערן און זי האט שוין דערגרייכט דעם שטריק-לייטער און האט אנגעהויבען מיטביידע הענט ארונטערצוציען.

נאך איינמאל האט זיך די געזונקענע פרוי לאכענדיג ארומגעקוקט און האט איר פוס אויף דעם ערשטן שטאפעל ארויפגעשטעלט.

פלוצלונג האט א הארץ-רייסענדער אויסגעשריי - די שטילע נאכט דורכגעקלונגען א געשריי וואס האט ביי רבינו גרשם און ביי דבורה׳ן געמאכט דאס בלוט פרירן.

מעליטטא איז פון לייטער פארשווינדען.

זי האט זיך אויף דעם לייטער אויסגעגליטשט און איז פון שפיץ טהורם אויף דער ערד ארונטערגעפאלן

רבינו גרשם און דבורה האבן מיט גרויס האסט ארונטערגעקלעטערט דעם לייטער און ווי גרויס איז זייער שרעק געווען ווי זיי האבן געפונען מעליטטא׳ן א טויטע. זי איז געפאלן אויף א שטיין און האט צערשמעטערט איר קאפ

דבורה האט זיך געווארפן אויף מעליטטא׳ס קערפער און האט אויסגעבראכן אין א גרויס געוויין.

- גאט האט איר גע׳משפט! - האט רבינו גרשם אויסגערופן - מיר האבן נישט קיין צייט איר צו באוויינען מיר מוזן איר קערפער מקבר זיין און זעהן וואס גיכער אויף דער שיף צו קומען!

אין א שטונדע ארום איז שוין דער קבר פארטיג געוועזן און עטליכע מינוט שפעטער האט שוין א בארג פייכטע ערד מעליטטא׳ס קערפער צוגעדעקט

- שלאף רואיג מעליטטא! - האט רבינו גרשם געזאגט ווי נאר ער האט דער לעצטן הויפן ערד אויף איר קבר ארויפגעווארפן - גאט זאל דיר דיינע זינד פארגעבן!

אין קאנסטאנטינאפאל האט זיך קיין מענטש איבער מעליטטא׳ס פארשווינדן געוואונדערט דען יעדער האט געגלויבט אז נאך איר מאנ׳ס טויט איז זי צוזאמען מיט דבורה׳ן אויסגעוואנדערט קיין איטאליען

## קאפיטעל 17

די שיף מיט וועלכע רבינו גרשם און זיין ווייב דבורה האבן שטילערהייט פארלאזט קאנסטאנטינאפאל איז גליקליך אנגעקומען אין ווענעדיג רבינו גרשם ערשטער טריט איז געווען אין דער אידישער שול וואו ער האט געבענטשט גומל און דאנקענדיג די באשעפער אז ער איז געראטעוועט געווארן פון א שרעקליכן טויט און איז בשלום אריבערגעפארן דעם ים.

אין ווענעדיג האט ער זיך נישט לאנג פארזוימט און איז פון דארטן אוועקגעפארן קיין מיינץ וואו זיין שווער רבי ליאון דער רב פון מיינץ האט געוואוינט.

אין שטאט איז געווארן א גרויסער גערודער ווי נאר רבינו גרשם און דבורה זענען אהין אנגעקומען אין יעדער הויז איז געווען לוסטיג און פריילך און מיט טרערן פין פרייד אין די אויגן האט רבינו גרשם ׳ס שווער דער אלטער רב רבי ליאון״ אויפגעהויבן זיינע הענט צום הימל און האט אויסגערופן:

- יעצט מיין גוטער גאט *טו* איך דיר דאנקען און לויבן יעצט ווען איך האב דערלעבט די גוטע גליקליכע שעה ווידער צוזעהן מיינע ליבע קינדער!

עטליכע יאר שפעטער איז דער אלטער רב רבי ליאון נפטר געווארען און די מיינצער געמיינדע האט איינשטימיג אויסגעוועלט רבי גרשם׳ן פאר דעם רב פון מיינץ.

עטליכע טעג שפעטער נאך דעם ווי רבינו גרשם איז אנטלאפן פון קאנסטאנטינאפאל מיט זיין ווייב דבורה האט אויסגעבראכן דארטען אין קאנסטאנטינאפאל א גרויסע מהומה.

עס איז געקומען דער טאג וואס איז געווען באשטימט ארויסצונעמען און צו באערדיגן דעם קערפער פון רבינו גרשם פון הונגער-טהורם און ווי גרויס איז געווען דער שרעק און די איבערראשונג פון די געריכטס-דינער ווען זיי האבן אויפגעשלאסן דעם הונגער-טהורם און האבן דעם טויטן ארעסטאנט נישט געפונען.

נאך גרעסער איז געווען זייער שרעק ווען זיי האבן דערזעהן דעם פרישן קבר נישט ווייט פון הונגער-טהורם און און אויפגעראבענדיג די קבר האבן זיי אנדעקט נישט מער און נישט ווייניגער ווי עס ליגט דארט מעליטטא.

אין גאנץ קאנסטאנטינאפאל האט געהערשט א גרויסע טומל און דער קעניג באזיל איז מיט א גרויסע סוויטע פון זיינע הויכע באאמטע אליין געקומען צום הונגער-טהורם אום זיך איבערצייגן אויב דאס איז אמת.

- זעט איר טייערע קעניג - האט זיך דער מיניסטער יאהאן אפגערופן - האב איך אייך דען פריער נישט געזאגט אז דער איד רבינו גרשם איז א מכשף?

- ניין ער איז נישט קיין מכשף - האט דער קעניג געענטפערט - ער איז נאר א גרויסער געלעהרטער וואס איז נישט דא זיין גלייכן אין דער גאנצער וועלט! איך זאג אייך מיינע העררען איך וועל נישט רוהען ביז איך וועל אויסגעפינען אויף וועלכער ארט און ווי אזוי רבינו גרשם האט געקענט אנטלויפן פונעם הונגער טהורם.

אויף דעם קעניגס באפעל האט מען געמאכט א שטרענגע אונטערזוכונג און מען האט אויסגעפונען אז דבורה איז אוועקגעפארן צו אירע עלטערן אין מיינץ.

- יעצט איז עס מיר קלאר - האט דער קעניג ביי זיך געטראכט - געוויס געפינט זיך רבינו גרשם אויך אין מיינץ.

צו יענער צייט איז אין קאנסטאנטינאפאל אנגעקומען א שליח פון דעם דייטשן קעניג היינריך דער צווייטער און האט געבראכט דעם קעניג באזיל די בשורה אז דער קעניג אטטא דער דריטער איז געשטארבן.

אטטא דער דריטער האט געזאלט חתונה האבן מיט דער פרינצעסין טהעאדארא און צום באדויער איז ער עטליכע טעג פאר דער חתונה פלוצלונג געשטארבן.

דער שליח פון דעם דייטשן קעניג איז געווען א געוויסער באראן פון וויטעלסבאך און נאך דעם ווי ער האט איבערגעגעבדעם קעניג באזיל די מעלדונג פון אטטא דעם דריטענס טויט האט איהם דער קעניג געבעטן ער זאל זיך נאכפרעגן אין דייטשלאנד אויב מען ווייסט דארטן וואו רבינו גרשם געפינט זיך און ווען מען וועט איהם אויסגעפינען זאל מען איהם איבערגעבן א בריף וועלכן ער האט אליין געשריבן מיט זיין אייגענע האנט.

דער באראן פאן וויטעלסבאך האט גענומען דעם קעניגס בריף ער האט אויפגעשריבן א בריף פון זיך צו דעם בישאף פון מיינץ און האט עס אוועקגעשיקט.

גלייך ווי דער בישאף האט ערהאלטן דעם בריף האט ער געשיקט רופן רבי גרשם׳ן און האט איהם איבערגעגעבן דעם בריף פון דעם קעניג באזיל.

אין דעם בריף האט איהם דער קעניג געשריבן אז ער האט שוין לאנג חרטה געהאט איבער דעם אורטייל וואס ער האט אויף איהם ארויסגעגעבן און עס פרייט איהם זייער אז ער איז גערא‌טעוועט געווארן פונעם טויט. ער האט איהם אין זיין שרייבן אויך פארזיכערט אז ער בלייבט איהם דער בעסטער פריינד און האט איהם געבעטן אז ער זאל פאר איהם אנטדעקן אויף וועלכער ארט און ווי אזוי ער איז אזוי גליקליך פון הונגער-טהורם אנטלאפן.

רבינו גרשם האט דעם קעניג געענטפערט מיט א בריף אין וועלכן ער האט איהם א דייטליכן ערקלערונג געגעבן איבער אלעס וואס דער קעניג האט געוואלט וויסן.

אין א קורצע צייט ארום האט רבינו גרשם באקומען א גאנצן קאסטן מיט גאלד און זילבער און נאך פיל גוטע אוצרות פון דעם קעניג באזיל און דערצו נאך א בריף אין וועלכן דער קעניג האט איהם פארזיכערט אז ער וועט איהם גרויס מאכן באלד ווי ער וועט צוריק קומען וואוינען אין קאנסטאנטינאפאל.

רבינו גרשם האט ווידער געענטפערט דעם קעניג מיט א בריף ער האט איהם געדאנקט פאר זיין גוט הארץ און האט איהם ערקלערט אז ער קען אויף קיין פאל נישט צוריקקומען נאך קאנסטאנטינאפאל וואס איז א נעסט פאר אנטיסעמיטען און וואו ער האט אזויפיל אומזיסטע פיינד וואס זוכן שטענדיג זיין אונטערגאנג ער וויל בעסער לעבן בשלום ושלוה אין מיינץ און זארגן פאר די אינטערעסע פון זיין קהלה.

דיר בריף האט געמאכט אויף דעם גוטן קעניג א טרויעריגן איינדרוק און ער האט באשלאסען אז ער מוז טוהן אלע מיטעלען צוריק צו ברענגן צו זיך רבינו גרשם.

ער האט אנגעהויבן זוכן מיטלען און וועגן אויסצופירן זיין פלאן אבער איידער ער האט נאר געקענט עפעס טוהן איז ער קראנק געווארן און איז מיט עטיכע טעג שפעטער געשטארבן.

נאך דעם קעניג באזיל׳ס טויט איז זיין ברודער קאנסטאנטין געקרוינט געווארן אלס די קעניג .

נישט צו לאנג האט דער קעניג קאנסטאנטין געהערשט איבער זיין פאלק. ער האט אנגעהויבען צו ליידען פון א ביטערע און שווערע קרענק וואס מיט עטליכע טעג שפעטער איז געשטארבען פון דעם.

נאך קעניג קאנסטאנטינס טויט איז ראמאן דאס איידעם פון דער דער קעניג קאנסטאנטין און דער פריינט פון רבינו גרשם געזאלבט געווארן אלס דער קעניג.

ער האט אבער קיין גליק  נישט געהאט. צילוב דעם וואס ער איז געווען צו שוואך צו רעגירן איבער זיין פאלק און ווי אויך האט ער פארלוירן עטליכע מלחמות מיט די ארומיגע פעלקער און צוליב דעם איז ער נישט באליבט געווען ביי זיין פאלק.

דער מיניסטער יאהאן וואס האט שטענדיג געזוכט א גוטע געלעגענהייט צו הערשן האט יעצט אויסגעניצט די גלעגענהייט און האט אנגעהויבען צו צורעדן צאע  די ווייב פונעם קעניג ראמאן אז זי זאל זיך אפלאזען פון איר מאן וואס ווייסט נישט ווי אזוי צו פירען א מדינה און זאל אנשטאט

דעם חתונה האבן מיט פלימעניק מיחאיל וואס האט אין זיך יונגע כוחות און ווייסט ווי אזוי צו פירן א מדינה צאע האט באלד אפגעלאזט איר ערשטע מאן ראמען און האט חתונה געהאט מיט מיחאיל.

שוין דעם ערשטן טאג אין וועלכן מיחאיל איז געווארן קעניג האט פאסירט אן עפיזאד וואס האט אויפגעקאכט גאנץ קאנסטאנטינאפאל ווען ער איז ארויפגעגאנגען אויף דעם טהראן וועלכן רבינו גרשם האט געמאכט פאר דעם קעניג באזיל זענען די זילבערנע לייבן און די זילבערנע אדלערס געשטאנען רואיג אויף זייער פלאץ און האבן זיך נישט גערירט פון ארט.

דאס פאלק האט עס אנגענומען פאר א צייכן פון גאט און אלע האבן געגלויבט אז דער איינפאכער גארדיסט מיחאיל איז נישט פאסיג צו זיין קעניג.

פאר דעם קעניג מיחאיל האט דאס זייער געקרענקט. ער האט געגלויבט אז די מאשינעריע פונעם טהראן איז צובראכען געווארן און האט גערופען די גרעסטע קינסטלער פון זיין לאנד. זיי זאלן דאס פארעכטען עס איז אבער געווען אומזיסט. די מאשינעריע האט שוין מער נישט געארבייט.

ענדליך האט ער זיך אנטשלאסן זיך צו ווענדן צו רבינו גרשם און איהם בעטן ער זאל קומען פארעכטען דעם טהראן. רבינו גרשם האט איהם אבער אויס געלאכט און האט איהם געענטפערט אז ער וועט זיך היטן צו קומען אין אזא לאנד וואו עס רעגירט אזא לומפ ווי דער מיניסטער יאהאן.

אין א געוויסע צייט שפעטער ווען מיחאיל האט געדארפט האבן געלט אום צו פירן מלחמת מיט זיינע פיינד האט ער געלאזט דעם טהראן צושמעלצן.

דערוויילע האט דער מיניסטער יאהאן געשאלטעט און געוועלטיגט איבער דאס גאנצע לאנד און איז מיט יעדן טאג אלץ גרעסער און וויכטיגער געווארן. די אונבאגרעניצטע הערשאפט איז איהם אבער נאך אלץ צו ווייניג געווען. עס האט זיך איהם אויך פארגלוסט מיטראפאליט צו ווערן. ער האט אנגעהויבן צו מאכן שרעקליכע אינטריגעס אין דער מלוכה. די באפעלקערונג האט זיך צוטיילט אין פילע פארטייען וואס האבן שטענדיג געהאלטן מלחמה צווישן זיך ביז מען האט ענדליך אויסגעפונען אז דער מקור פון אלע די פיין-זעליגקייטן איז דער מיניסטער יאהאן!

מען האט איהם געלאזט ארעסטירען און געשטעלט פאר א געריכט. דער פראצעס האט נישט צו לאנג געדויערט. די ריכטער האבן איהם פאראורטיילט צום טויט.

מען האט איהם איינגעשלאסן אין הונגער-טהורם און אין עטליכע טעג ארום איז ער געשטארבן פון הונגער.

אויך דער קעניג מיחאיל האט נישט לאנג געוועלטיגט. די בארבארישע אונטערדריקונגען מיט וועלכע ער האט גאר אן רחמנות געפירט זיין לאנד זיין אויסגעלאסענעם לעבן און זיינע ווילדע פארשווענדען האבן אויפגערייצט דאס גאנצע פאלק קעגן איהם און מען האט אנגעהויבן זוכן מיטלען ווי אזוי איהם ארונטער צו שליידערן פונעם קעניגרייך א לאנגע צייט האט מען מיט איהם גאר נישט געקענט טוהן ביז עס זענען די צוויי טעכטער פון דעם געשטארבענעם קעניג קאנסטאנטין אונטערגעוואקסן דאן האט מען איינע פון זיי פראקלאמירט אלס דער קעניגין פון לאנד און דעם קעניג מיחאיל האט מען געשטעלט פאר א געריכט.

מען האט איהם אין זייער פיל פארברעכען באשולדיגט און פאראורטיילט צום טויט. דאן האט מען איהם די אויגן אויסגעשטאכן און איינגעשלאסן אין א פינסטערן קעלער וואו ער איז אין עטליכע טעג ארום געשטארבן

רואיג און פרידליך האט רבינו גרשם געלעבט מיט זיין ווייב אין מיינץ. אויך זיין העכסטער וואונטש איז ערפילט געווארן: דבורה האט איהם אין פארלויף פון עטליכע יאר געבוירען עטליכע קינדער און מיט דעם איז דער בעכער פון זיין גליק פול געווארן.

טאג און נאכט איז ער געזעסן און האט געלערנט. יעצט ווען ער האט שוין געהאט מער צייט האט ער געענדיגט זיין גרויסן ביאור אויף דעם גמרא און האט מיט איהם מרעיש עולם געווען.

זיין נאמען איז מיט יעדן טאג אלץ גרעסער געווארן אין דער אידישער וועלט און פון די ווייטסטע שטעט און מקומות זענען צו איהם געקומען תלמידים  צו לערנען פון איהם תורה און חכמה.

די גרויסע רבנים און די בארימטע גאונים פון זיין צייט האבן איהם געקריינט מיט דעם נאמען: מאור הגולה.

צען יאר פאר זיין טויט האט ער געלאזט צוזאמענרופן א גרויסע אסיפה אין מיינץ פון רבנים און גאונים פון דער גאנצער וועלט אום צו מאכן געוויסע ענדערונג אין דער אידישער רעליגיאן.

עס זענען צוזאמענגעקומען אין מיינץ די גרעסטע שטערן פון דער אידישער וועלט און האבן אונטער דעם פארזיטץ פון רבינו גרשם זייער פיל נייע דינים און תקנות באשלאסן.

איינע פון די וויכטיגסטע תקנות וואס איז פון דיר אסיפה ארויס איז: אז קיין איד טאר נישט נעמען צוויי ווייבער.

און די תקנה איז ביי אונז באקאנט מיט דעם נאמען:

דער חרם פון רבינו גרשם.